STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02762

HINTER MOYERN

Henri Nathansen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענרי נאַטאַנסען.

הינטער מויערן

פּיעסע אין 4 אקטן

ייִדיש דורך זלמן זילבערצווייג.

וואַרשע
1922
פאַרלאַג'ס-געז. „צענטראַל".

DRUK. G. PIMENT WARSZAWA, SIERAKOWSKA 4

הענרי נאטאנסאן.

הענרי נאטאנסאן געהערט צו די בעסטע דראמאטורגען, וואס די דענישע ליטעראטור האט היינט. און ווייל נאטאנסאן איז א יוד און דערצו נאך לעבענס א נאציאנאלער יוד, איז דער ווערט נאך גרעסער, ווען מען זעהט, אז ביי אונז יודען ווערט נאטאנסאן באהאנדעלט אזוי אויבערפלעכליך, אזוי קאלט און אהן דרך=ארץ, וואס קומט דורכאויס דעם בעדייטענדען יודיש=דענישען דראמאטורג.

ביי אונז יודען איז דער נאמען הענרי נאטאנסאן כמעט ווי אומבעקאנט, און וואלט ער נישט געשריבען זיין דראמא „הינטער מויערן", וואלטען אפילו די עטליכע געבילדעטע, יחידים, וואס ווייסען יא עפעס וועגען איהם — אויך ווייניג וואס געוואוסט, ווער נאטאנסאן איז. צופעליג איז דאס דראמא איבערזעצט געווארען אויף יודיש, ווייל עס געהער צו די בעדייטענדסטע ביהנע=פיעסע דראמען און אזוי ארום ווייסען עטליכע הונדערט יודען, אז עס איז פאראן א „דענישער" דראמאטורג, וואס טראגט א יודישליכען נאמען, נישט ווייסענדיג דערביי, אז נאטאנסאן געהערט צו דענמארק'ס אנגעזעהענסטע שריפטשטעלער, וואס באהאנדעלט אין זיין שאפונג כמעט נור יודישע פראבלעמען.

II.

כדי זיך צו בעקענען מיט נאטאנסאן, דעם יודישען שריפטשטעלער דארף מען ניכט נור לעזען זיין „הינטער מויערן", נור זיין גרויסע סאציאלע דראמא „דאניעל הערץ" און זיין ווערק „פון הונא דאווידס לעבען" („אף הונא דא-ווידס ציון") — א ראמאן אין פיר גרויסע בענדער, אין וועלכען עס ווערט ארומגענומען א גרויסער טייל פונ'ס יודישען לעבען אין דענעמארק, און, וואס דארף אויך זיין א שטיק ביאגראפיע פונ'ס מחבר גופא.

ביז ניכט לאנג צוריק האט נאטאנסאן . נאך געהערט צו די יודען, וואס מען רופט ביי אונז „אסימילאנטען". איך גלויב קוים, צי מען קען דאס וועגען איהם זאגען. נאטאנ-סאן איז געבוירען געווארען פון יודישע עלטערן צופעליג אין אזא קליינעם יודישען ישוב ווי דענעמארק, וואס איז ביז לעצטענס געווען ווייט צו וויסען, וואס עס איז אזעלכעס יודישע נאציאנאליטעט. אמת א „סינאגאגע" איז אויך דאן געווען, אבער דאס איז נור געווען פאר די דענער פון יודישער רעליגיע. און אז מען ווערט געבוירען אין אזא סביבה, קאן מען אנדערש ניכט דענקען און פיהלען, ווי עס דענקט און פיהלט בראנדעס און נאטאנסאן...

„דער אלטער לעווין", די הויפט-פיגור אין דער דראמא „הינטער מויערן" אזוי ווי זיינע קינדער הונא, יאקוב און אסתר, בעווייזען, אז אין אזא סביבה אין וועלכער זיי זיינען געבוירען און ערצויגען געווארען קאן מען אנדערש ניכט זיין ווי זיי זיינען. פאר זיי, די קינדער איז אויך פרעמד געווארען דאס רעליגיעזע געפיהל, וואס איז נאך פער-בליבען אין די הערצער פון זייערע עלטערן. זיי, די קינדער, האבען שוין לאנג געמאכט א קאמפראמיס מיט'ן לעבען. זיי זיינען געווארען מענשען... אלץ וואס זיי איז נאך געבליבען פונ'ס יודענטום איז (און דאס אויך אויס א ריין מענשליכען דרך-ארץ צו טאטע-מאמע) — קומען פרייטאג צו נאכטס צו די עלטערן און אסתר, לעווינ'ס איינציגע טאכ-טער, האט שוין דאס געפיהל אויך פערלוירען. איהר איז ענג אין איהרע עלטערנ'ס הויז און איבערהויפט נאך פרייטאג צו נאכטס...

אַט פון אַזאַ מין יודישער סביבה האָט נאַטאַנסאָן גע-
לויגט זיין יודיש-גייסטיגע יניקה. דעריבער איז אויך קיין
וואונדער נישט, וואָס נאַטאַנסאָן בעהאַנדעלט אַזעלכע שווערע
יודישע פּראָבלעמען מיט אַזאַ לייכטזיניגען קאָמפּראָמיס, וואָס
זענען אין געגענזאַץ מיט אונזער היינטיגען לעבען. פאַר
נאַטאַנסאָנ'ען זענען פרעמד די ברייטע יודיש-נאַציאָנאַלע
געפיהלען, וואָס שפּילען אַזאַ גרויסע ראָלע אין אונזער
היינטיגען לעבען. זיינע העלדען זענען יודען, וואָס געהן
שבת אין דער „סינאַגאָגע” כדי דאָרט צו שמוסען וועגען
די לעצטע געשעפטנישען אויף דער בירזע...

אויב ביי נאַטאַנסאָנ'ען האָבען זיך דערוועקט נאַ-
ציאָנאַלע געפיהלען, איז עס נור לעצטענס, ווען ער האָט
אָנגעהויבען קומען אין קאָנטאַקט מיט דער יודישער אינטע-
ליגענץ פון מזרח-אייראָפּאַ וואָס האָט פאַר די לעצטע עט-
ליכע יאָהר זיך אויך אין דענעמאַרק אויסגעבויט אַ קליינע
נעסט. דורך זיי האָט זיך אויך נאַטאַנסאָן דערוואוסט, אַז
אין דער ברייטער וועלט, וואו עס לעבען גרויסע קאָמ-
פּאַקטע יודישע מאַסען, איז פאַראַן אַ שטרעבונג פאַר דער
ווידעראויפלעבונג פון דער יודישער נאַציאָנאַליטעט. און אַזוי
לאַנגזאַם און מיט אונזיכערע טריט האָט נאַטאַנסאָן זיך
גענומען צוריהרען צום לעבען פון דער יודישער גאַס. וואו-
נישט-וואו און ווען — נישט — ווען האָט מען אויף אַ יודי-
שען אָוונד אין קאָפּענהאַגען, אַראַנזשירט פון יודישע
אַרבייטער, געקאָנט זעהן ווי נאַטאַנסאָן האָט מיט אַ שמייכ-
לענדען בליק אַרומספּאַצירט. ווי אַ נאַיוו קינד האָט ער
גוטמוטיג געשמייכעלט און אָנגעקוואָלען פון דער אַזוי נאַ-
טירליכער און נישט געקינסטעלטער אויפפיהרונג פון דעם
יודישען עולם... נישט אין קיין סמאָקינג און אין ווייסע
האַנדשוה אויף די הענד איז נאַטאַנסאָן געקומען צו אַ יודישען
אָוונד. איינפאַך, און אָהן דער אויפגעשמירטער אַריסטאָקראַ-
טישער העפליכקייט...

און אַזוי לאַנגזאַם און לאַנגזאַם געהט נאַטאַנסאָן איבער
פון איין אָרט לעבען אין'ס צווייטען, שטעהענדיג אַלץ אויף'ן
שיידוועג... און אַזוי ווי אין לעבען אַזוי אויך אין זיין

שאפען ווערט דער „דענישער שריפטשטעלער" אלץ מעהר יודישער נאטאנסאן. אין דערפאר וואלט מען זיך געמעגט אביסעל מיט מעהר אויפמערקזאמקייט צוהערען צו זיין שאפונג.

הענרי נאטאנסאן איז געבוירען געווארען דעם 17 יולי 1868. אין זיינע יונגע יאהרען האט ער שטודירט אויף אדוואקאט און זיך שפעטער א צייט לאנג דערמיט בעשעפטיגט. ער איז אבער לאנג ביי דעם פאך נישט געבליבען, עס האט איהם צופיל געצויגען צו דער ליטעראטור, האט ער אין א שענעם טאג אוועקגעווארפען די טרוקענע יורי און האט זיך גענומען צו דער פאעזיע.

צוליב די גרויסע דראמאטישע קענטענישען, וואס נא-טאנסאן בעזיצט, איז ער א צייט לאנג געווען דער רעזשיסער פונ׳ם קעניגליכען טעאטער אין קאפענהאגען און ביי דער געלעגענהייט האט ער אויך אויפגעפיהרט אינ׳ם זעלבען טעאטער זיינע דראמאטישע ארבייטען, וואס האבען געהאט גרויס ערפאלג. א גאר גרויסען רושם האבען געהאט זיינע צוויי דראמען „דאניעל הערץ" און „הינטער מויערן", וואס האבען איהם אויך פאפולער געמאכט אין גאנץ אייראפא.

בסך הכל האט נאטאנסאן געשאפען א׳ערך פון צעהן ווערק. אין דראמאטישער פארם זענען בעקאנט „די מאמע איז גערעכט" (קאמעדיע), „דער גוטער בירגער" (שוישפיעל אין דריי אקטען), „דאנאס גארטען" (אידיליע אין דריי אק-טען), „דאניעל הערץ" און „הינטער מויערן". פון זיינע ערצעהלונגען זענען בעקאנט „זומער-נאכט", „די פערבאטענע פרוכט" (דריי ערצעהלונגען) און זיין לעצטענס ערשינענער ראמאן (אין 4 בענדער) „פון הוגא דאווידס לעבען".

עס וואלט געווען רעכט, אז זיינע ווערק זאלען איבער-זעצט ווערען אין דער יודישער שפראך. דאס וואלט זיכער געווען א גרויס פערדינסט פאר דער יודישער ליטעראטור און די שענסטע מתנה דעם מחבר, וואס וואלט אזוי ארוס געווארען אויף דער יודישער און נישט נור דענישער שריפט-שטעלער הענרי נאטאנסאן.

ש. פאן.

דאָס אויפֿפֿיהרונגס־רעכט ווערט געשיצט:

אין אמעריקא: דורכ'ן י. ל. פרץ שריפֿטשטעלער־פֿעראיין.

אין רוסלאַנד: דורכ'ן רוסישען דראַמאַטישען און מוזיקאַלישען שריפֿטשטעלער־פֿעראיין אין פּעטראָגראַד.

אין פּוילען: דורכ'ן פֿעראיין פֿון יודישע ליטעראַטען און זשורנאַליסטען אין וואַרשאַ.

אויפֿגעפֿיהרט צום ערשטען מאָל:
אין לאָדז, „גרויסעם טעאַטער“.
8 סעפּטעמבער 1916.

פערזאנען:

אדאלף לעווין — באנקיר

רחל *) לעווין — זיין פרוי

הונא
אסתר — זייערע קינדער
יאקוב

דינה — זיין פרוי

שרה — זייער טאכטער

מייער — אדאלף לעווינ'ס פערוואלטער

מאריע — לעווינ'ס דינסטמיידעל.

געהיים=ראט הערמינג

געהיים=ראטין הערמינג

יערמען הערמינג — א פריוואט דאצענט

לאקיי
א דינסט — ביי די הערמינג'ס

ערשטער אקט.

אדאלף לעווינ'ס שפייז און גאסט=צימער. אין מיטען א עס=טיש און שטולען. רעכטס א קרעדענס, אויף איהם א זייגער. אינ'ם רעכטען ווינקעל א סאפע. א טישעל און אוויג=שטול, ווייטער א ביכער=שענקעל. אין הינטערגרונד, לינקס, א ברייט פענסטער אין גאס ארויס, דערנעבען ארויפצו=שניי=טיש און א בענקעל. רעכטס א'אויוען. א טיר אין הינטערגרונד און אין קיך. רעכטס צוויי טירען, איינע—די פאדערשטע צום שלאף צימער, די הינ=טערשטע צום קאבינעט. די דעקאראציע פון צימער איז אהן געשמאק און אהן סטיל, נאר אלץ בעל=הבית'יש.

א פרייטאג'דיגער ווינטער=אווענד.

אויפ'ן טיש ביי דער סאפע ברענט א גאז=לעמפעל. די עלעקטרי=בעלייכטונג ברענט ניט.

די שטארענס זענען ניט אראבגעלאזט אזוי, אז אינ'ם צימער כאפט זיך אריין דאס ליכט פון געגענאיבערדיגען הויז.

מ'זעהט דעם שניי פאלען.

ביים אויפהייבען דעם פארהאנג איז די בינע ליידיג. דורך דער אפענער טיר אין קארידאר הערט זיך א געדריי אין קיך, באלד דערנאך קומען גיך אריין ר ח ל און מ א ר י ע, וועלכע האלט אין האנד א גרויסע טאץ מיט געפעס א. ז. וו.

ר ח ל געהט צו צום קרעדענס און נעמט ארויס א טישטוך.

1-טער אויפטריט.

רחל. מאריע.

רחל: אײַלט זיך אַ ביסעל צו, טײַערע מאריע, שטעלט דאָס אַוועק און רוימט צו פֿונ'ם טיש. (קוקט אויפ'ן זייגער) גאָטעניו, שוין אַזוי שפּעט... וואָס האָב איך נאָר וואָס געזאָגט?

מאריע: איהר האָט בעשטעלט קליסקעלעך.

רחל: יאָ, נו...

מאריע: ס'געהט ניט אַזוי שנעל.

רחל: יאָ, מאריע, קײַן זאַך געהט ניט אַזוי שנעל, נאָר איהר דאַרפט וויסען, אַז ווען דער הערר קומט צוריק פֿונ'ם סינאגאגע דאַרף אַלץ זײַן אויפ'ן טיש. נאָך אַמאָל וועט מען דאַרפען אָנהײַבען פֿריהער צו צוגרייטען. מיר זענען דאָך זיבען אַחוץ שרה'לען. (אויסשטעלענדיג די טעלער פון לינקס אויף רעכטס) מײַנער, מײַן זוהן — דער סוחר, זײַן פֿרוי, — דער פּאפּא, שרה'לע, — איך — מײַן זוהן דער דאָקטאר — און אסתר — דאָ, (ס'הערט זיך ווי אין קיך איז עפּעס אַמאָל געלאָפען) מאריע, געדענקט און גאָט, ניט אַקוק אויף דער זופּ... (מ'קלינגט אין דער איינגאַנג-טיר) מ'קלינגט.

מאריע: (אונבעהאָלפען, מיט שיסלען אין ביידע הענד) כ'קאָן ניט...

רחל: (נעמט פון איהר צו ביידע שיסלען) וואָס קאָנט איהר ניט?

מאריע: (געהט שנעל אָב)

(ס'הערט זיך הוגא'ס שטימע און מייער'ס „גוט אָווענד")

רחל: (לאָזט אַראָב די שטאַרענס)

2=טער אויפטריט.

רחל. הונא (נאָך איהם) **מייער, שפעטער מאריע.**

הונא: אַ גוט אָוונד, מאמא... (קושט איהר די האַנד) דאָ שמעקט מיט אַלטקייט, געראָטענע פלייש...

מייער: (בעגריסט זיך מיט דרך=ארץ) גוט שבת!

הונא: ווי געהטס? אַלע געזונד?

רחל: יאָ, אַ דאַנק.

הונא: און דער פאפא?

רחל: געזונד, אַדאַנקען גאָט.

הונא: (זעצט זיך)

רחל: (דעקט ווייטער צום טיש)

הונא: מאמא, מיר זענען הונגעריג ווי די וועלף, איבערהויפט מייער.

רחל: דאָס פרעהט מיך.

מייער: הונא לאָזט אַליין נאָך ניט אָב די נאַרישקייטען... כ'האָב איהם געזאָגט, אַז אינ'ם קאָנטאָר איז היינט געווען אַזוי פיל אַרבייט, אַז מ'האָט אפילו ניט געהאַט קיין צייט אַ הויט-צונעהן.

הונא: מייער, היט אָב אייער געזונד!

מייער: נישקשה, מיין געזונד קאָן וואַרטען, די געשעפטען אָבער קאָנען ניט וואַרטען.

רחל: (צו דער אַריינקומענדער **דינסט**) וואָס איז דאָרט געוועז?

מאריע: גאָרניט.

רחל: אַ דאַנקען גאָט.

הונא: (לאַכט) דאָ איז אויסגעצייכענט. אַז כ'זיץ אין אַלטען פאָטערשטול און פערמאַך די אויגען, דאַכט זיך מיר, אַז דאָ איז זעהר שעהן.

רחל: יאָ, זעהר שעהן.

הונא: בין כ'עפען זיי צוריק אויף און דערזעה מייער'ן.

ר ח ל: (ווארפענדיג א וואונק אויף דער ד י נ ס ט, מיסטרויאיש) שטילער, הונא... (מ'קלינגט) מאריע, עפענט... (מ א ר י ע אב) מייער, כ'שעם זיך פאר מיין גרוים יונגעל.

ט יי ע ר: איהר דארפט זיך ניט שעמען, מאדאם לעווין, קינדער זענען שטענדיג א ביסעל ניט דערצויגען.

(ס'הערט זיך י א ק ו ב'ס הויכע שטימע און דער קליינער ש ר ה'ס פלוידערן, א געקלאפערײַ מיט פיס און אויסרופען פון צופרידענהייט, ר ח ל געהט שנעל צו צו דער טיר מיט אויסגעשפרייטע ארעמס, ש ר ה קומט איהר א קעגען אין ראק און הוט.)

ר ח ל: (נעמט זי אויסטון)

3=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, יאקוב, דינה, שרה'לע.

ר ח ל: א גוטען אווענד, א גוטען אווענד, מיין הארץ! (אין די קוליסען אריין) א גוטען אווענד, דינה, א גוטען אווענד, יאקוב. זעה נאר וואס פארע אבגעפרוירענע נאז און רויטע הענטלעך שרה'לע האט — (הויבט אויף זיי) אוי — או — וואס מאכסטו, דינה?

ד י נ ה: (פון הינטער די קוליסען) א דאנקען גאט.

ר ח ל: קומט אריין, קינדער, הונא און מייער זענען דא.

ה ו נ א
ט יי ע ר } גוטען אווענד!

ר ח ל: קום אהער, שרה'לע, מיר'ן אנווארעמען דיינע געפרוירענע פינגער בײַם אויוועז.

י א ק ו ב: (קומט אריין, ניט אויפהערענדיג צו ריידען)

ד י נ ה: (קומט באלד נאך איהם, געהט צו צו ר ח ל'ן און ש ר ה'לען)

מ א ר י ע: (דעקט צום טיש)

יאקוב: אַ גוטען אָווענד, מאמא, אַ גוטען אָווענד! (קושט זי) אַ גוטען שבת. אַ גוטען אָווענד, מיזער, אַ גוטען אָווענד, הונא. וואָס זאָגט איהר צו דער קעלט? עלף גראַד. מאמא, פערקיל ניט דאָס קינד ביים אויווען. אַז דו פאָהרסט אין אטניבוס מעגסטו אפילו זיצען אין אַ פעלץ ווערסטו אויך געפרוירען. דינה, גיב נאָר אַ קוק, דאָס קינד האָט ניט קיין נאַסע פוסלעך? מ'רוימט ניט אָב דעם שנוי, צוגעהט ער זיך, ווען ער וויל, און אויף וואָס געהט דער שטייער וואָס מ'נעמט ביי אונז? אויף האַרמאַטען. יאָ, דאָ איז זעהר וואַרם. איז אַלץ אין אָרדנונג? דער פאפא איז געזונד? און אייער מוטער, מיזער? אַזוי, אַ דאַנקען גאָט. אַ, ווי ס'שמעקט דאָ. דינה, מיט וואָס שמעקט דאָ?

דינה: (פרובט שמעקען)

יאקוב: זאָל שרה'לע זאָגען. שרה'לע, מיט וואָס שמעקט דאָ? שרה'קעלע, זאָג דעם טאַטעשי, מיט וואָס שמעקט דאָ?

שרה: (פרובט שמעקען)

יאקוב: נו? אַז דו וועסט מיר זאָגען מיט וואָס ס'שמעקט דאָ, קריגסטו אַ גלאַנצענדיגע צען עֶרע אין דיין קאַסא אריין, ט שרה'לע?

שרה: (נאָך אַ פויזע) זופ מיט קאָטלעטען.

יאקוב: יאָ, מאמא? הערסט דינה, דאָס קינד האָט געטראָפען — זופ מיט קאָטלעטען. דאָס קינד האָט אַ גוטע נאָז.

הונא: דאס האָט זי געקריגען בירושה.

יאקוב: (הערט ניט, זעצט זיך געמיטליך) — אַ... ס'איז גוט זיך אָבזוסער אָבצורוהען. מיר האָבען איצט אַ מאָסע אַרבייט. (צו מ י י ע ר ין) ווי איז ביי אייך? (ניט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער) אַ דאַנקען גאָט. כיהאָף, אַז אונזער אומזאַץ וועט זיך דאָפעלט פערגרעסערן. מיזער, איהר האָט ניט געהערט פון דער פירמע פ. א. שו. און קאמפ. זי האַנדעלט מיט אַמעריקאַנישע אָקסען-פעטס, ניין? וואָס, שוואַך? מיזער, כ'דאַרף מאָרגען האָבען אַ שעהן ביסעל שטערלינגס, 18, 20, וואָס? פעטערסענ'ס וועקסעל ליינט אָוועק, זאָל ער ליגען עטליכע טעג. (דרייט זיך צופעליג אום צו ה ו נ א ין) וואָס האָסטו געזאָגט?

הונא: כיהאָב גאָרנִיט געזאָגט. אַז דו בִּזט דאָ קאָן מען גאָר־נִיט זאָגען.

יאקוב: איך? פאַרוואָס?

הונא: יאקוב, שווייגען איז גאָלד.

יאקוב: דאָס איז געווים איבערגעטריבען.

הונא: ניין, דאָס איז דער אמת.

רחל: הונא...

יאקוב: אפשר זאָל איך אַוועקגעהן?

הונא: אויב דו געפִינסט עס נִיט פאַר קיין טוז, מעג בלייב.

יאקוב: (נעמט ביין אַ צייטונג פון טיש)

הונא: אַ...

יאקוב: וואָס זאָגסטו?

הונא: כיזאָג: אַ... דאָס איז דאס קורצסטע וואָרט וואָס מיקאָן זאָגען און אפילו דאָס ערלויבסטו מיר אויך נִיט.

יאקוב: (עפענט די צייטונג און פערטיפט זיך אין לייענען)

רחל: (נעמט אַראָב פון שרה'לען דעם פאלטא) אַזוי. וואָס פאַר'ע גוטע, וואס פאַר'ע וואוילע דו בִּזט. נייע שִיכלעך און שעהנע בענדער אִין די האָר. (שרה'לע הייבט אויף דאָס קלייד.) און אפריזקע אויף דער ווייסע האַלקע, מידערקענט. אַז דו ווערסט נעכטיגען ביי דער באָבעשי. ווייז דעם פעטער הונא דיין שענע האַלקע.

הונא: (פרעהט זיך)

רחל: מייער'ן אויך, זאָל מייער אויך זעהן דיין האַלקע.

יאקוב: (נִיט קאָנענדיג ווייטער שווייגען, קנייטשט צוזאַמען די צייטונג) מאַמא, מייער איז נאָך צו יונג צו זעהן פרויען־האַלקעס.

מייער: זעהר שאַרפזיניג געזאָגט...

יאקוב: (זעהר צופרידען פון זיין וויץ) קום, אַהער שרה'ילע, קום אַהער צו דיין טאַטעשי. דינה, לאָז אָב דאָס קינד... גרויסער גאָט, ביזג דיך נִיט, אין זיבעטען חודש מאַכט מען נִיט קיין פּאָקוסען.

(דאָס קינד געהט צו, יאקוב הייבט עס הויך אויף)

יאקוב: שרהילע, איצט זאג אהן שפאס, וויפיל איז דריי און זיבען?

דינה: גאט מיינער, יאקוב.

יאקוב: לאז אב דאס קינד... נו?

שרה: צען...

יאקוב: שטימט. איצט הער אויס: אז כ'וועל דיר געבען אין איין האנד צען ערע און אין דער אנדערער האנד פיער מטבעות צו 25 ערע וויפיל וועסטו האבען?

שרה: (קוקט אויף איהרע הענד) דו גיסט דאך מיר אבער גאר־ניט.

יאקוב: (ענטציקט) אויסגעצייכענט... דינה, דו הערסט? איהר האט געהערט, „דו גיסט דאך מיר אבער גארניט". יא, דו ביזט גערעכט, טייער קינד. (נעמט זי אין דער הויך) האפ... וואס זאגט איהר, מיער, ספירט איז געשטיגען אויף זעקס פראצענט? איהר האלט דאס פאר א פעסטע פאפיר'על?

מייער: זעהר פעסט.

יאקוב: צו 117?

מייער: (ציהט מיט די פלייצעס)

יאקוב: איהר וועט מארגען זיין אויף דער בירזע?

מייער: יא, ביז צוויי א זייגער. (שטעהט אויף)

יאקוב: מאמא, ווען דאווענט מען אב אין סינאגאגע?

רחל: (הייבט אויף דעם שטארן און קוקט ארויס אין פענסטער) דער פאפא דארף באלד קומען. ס'איז גליטשיק און כ'שרעק זיך גאר פאר איהם... איינער פון אייך האט איהם געמעגט פיינטאג צונאכטס בעגלייטען.

הונא: כ'געה דאך קיינמאל ניט אין סינאגאגע, מאמא.

רחל: דו האסט עס געמעגט צוליב טון דעם פאטער.

יאקוב: איך מיין אויך אזוי.

הונא: פארוואס געהסטו ניט מיט'ן פאטער?

יאקוב: וויל כ'האב קיין צייט ניט.

הונא: וואלסט נאר געוואלט, וואלסטו שוין געפונען צייט אויך.

יאקוב: וואס הייסט וועלען? כ'האב געדארפט בעזארגען 22 בריף, און די פאסט ווארט ניט. וואס, מייער, בין איך ניט גערעכט?

מייער: יא — א.

הונא: מוטער, דו וועסט דערפאַר געשטראָפט ווערן בײַם יום-הדין.

מײַער: ס׳איז דען ניט אַלײן אײַנם ווען מ׳דאַוונט, פרײַטאג צו נאַכטס אָדער שבת און דער פּריה? כיבין זיכער, אַז גאָט וועט מיר מוחל זײַן אויב כ׳וועל עס אָפּלײַנען אויף שבת פּריה.

יאקוב: און אסתר?

דינה: יאָ, וואו איז אסתר?

רחל: אסתר קומט באַלד.

הונא: (אונטערהערענדיג זיך) שטט..

(ס׳הערט זיך ווי די טיר עפענט זיך, רחל גײט שנעל אַרויס)

רחל: אָט איז דער פאָטער...

(אַלע גײען צו צו דער טיר, ס׳הערט זיך ווי לעווין מיט דער פרוי ריידען, יאקוב זאָגט: „גוט אָוונט, פּאַפּא“; די קלײנע שרה לױפט צו צו דער טיר)

שרה: זײדעשי...

דינה: (וויל זי אַוועק שלעפּן) ש-ה..

יאקוב: לאָז אָב דאם קינד...

4-טער אויפטריט.

די פֿריהערדיגע, אַדאָלף לעווין.

(די קלײנע שרה לױפט אַרויס אין קאָרידאָר. אַדאָלף לעווין קומט אַרײַן האַלטענדיג בײַ דער האַנד שרה׳ן. רחל בעפעלט עפּעס די דינסט. לעווין שטעהט אַווײַלע אין מיר אײַנעטעמענדיג די וואַרימקײט)

לעווין: אַ גוטען שבת!... (גײט צו, קושט דינה׳ן און די קינדער) אַ גוטען אָוונד, דינה, אַ גוטען אָוונד, הונא, אַ גוטען אָוונד!

שרה: (גיט איהם אַ שלעפּ) און מיך, זײדעשי.

לעווין: (הייבט זי אויף און קושט זי) אַ גוטען אָוונד, מײַן קלײנ...

טײַער, שׂרה'לע... (לאָזט זי אַראָב, רײַבט די הענד, דערזעהענדיג דעם געגרײַטען טיש) יאָ... *)

(רחל קומט אַרײַן מיט זופּ, נאָך איהר די דינסט מיט טעלער)

רחל: זײַ אַזוי גוט.

לעווין: ביטע... (אַלע זעצען זיך אויס פון לינקס אויף רעכטס, מײַער, יאַקוב, דינה, לעווין, שׂרה'לע, הוגא, רחל צוגיסט די זופּ. אסתר'ס אָרט בלײַבט ליידיג).

רחל: (איבערגעבענדיג דער דינסט טעלער) דעם פאָטער, די בלי', מויער'ן, מײַן זוהן דעם דאָקטאָר, מײַן זוה"ן דעם סוחר, עסט אַזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך הײס.

(פויזע. ס'הערען זיך צופרידענע אויסרופען)

לעווין: גוטע זופּ.

רחל: אַדאַנקען גאָט.

יאַקוב: זעהר גוטע.

רחל: ווילסט נאָך קליסקעלעך, אַראַלף?

לעווין: (דערלאַנגענדיג זײַן טעלער) נעם דיר אויך, רחל.

רחל: (גיט איהם)

שׂרה: און מיר, באָבעשי.

דינה: שׂרה...

יאַקוב: לאָז אָב דאס קינד...

לעווין: יאַקוב, דו ביזט ניט געווען אין סינאַגאָגע?

יאַקוב: כ'האָב געדאַרפט ערלעדיגען נויטיגע בריף.

לעווין: דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. מײַער, איהר האָט געענדיגט מיט די רעכנונגען?

---

*) אין אָריגינאַל איז דאָס ניטאָ. נאָר כ'האָב עס געזעהען בעת דער אויפפיהרונג אויף דער דײַטשער בינהע:

לעווין מאַכט קדוש, אַלע שטעהען, דערנאָך דערלאַנגט די דינסט אַרײַן אַ שיסעל מיט וואַסער און אַ שעפ, לעווין וואַשט זיך און טיילט יעדען אַרום אַ המוציא, ערשט ווען ער זעצט זיך, זעצען זיך אַלע:

(דער איבערזעצער)

מייער: יאָ.

רחל: נאָך אַ ביסעל זופּ, מייער?

מייער: ניין, איך דאַנק.

רחל: נעמט, מייער, איהר האָט דאָך ניט געגעסען

לעווין: איהר האָט ניט געמיטאגט, מייער?

מייער: (שמייכעלט אונטערטעניג).

לעווין: איהר האָט געהערט די מעשה וועגען דעם זוהן, וועמען דער פאָטער האָט צוגעזאָגט אַ געשענק פאַר פלייסיג־קייט? איינמאָל גראָד אין אַזאַ ווינטער אָווענד, ווי היינט, האָבען זיך דער פאָטער און דער זוהן געלעגט שלאָפען. פרעגט דער זוהן: „טאַטע, ווען וועל איך בעקומען דאס געשענק, וואס דו האָסט מיר צוגעזאָגט?" „ס'איז דיר וואַרם און בעט?" — פרעגט דער פאָטער. „יא" — ענטפערט דער זוהן. „נעם אַרויס די פיס פון אונטער דער דעק" — זאגט דער פאָטער. דער זוהן פאָלגט איהם, און זאגט: „טאַטע, ס'איז מיר קאַלט". „לעג זיי אַריינטער הינטער דער דעק" — זאגט דער פאָטער. דער זוהן טוט אַזוי. „אָט דאס איז דאס געשאַנק" — זאגט דער פאָטער. — מייער, עסט נאָך אַ טעלערל זופּ, אויב ס'הונגערט אייך

מייער: (דערלאַנגט דער פרוי לעווין דאָס טעלערל) בּידאַנק בעסטענס.

לעווין: און אָט האט איהר אייער געשענק. (אַלע לאַכען, לעווין הייבט אויף אַ גלאָז רויט וויין) לחיים. (אַלע ענטפערן „לחיים")

רחל: אַדאָלף, נאָך זופּ?

לעווין: ניין, בּידאַנק.

רחל: און דו, דינה?

דינה: גיט אַ ביסעל.

רחל: יאַקוב?

יאַקוב: יאָ.

שׂרה: און מיר, באָבעשי.

דינה: האסט דאך אַ פול טעלערל.

יאַקוב: גרויסער נאָט, לאָז דאָס קינד עסען

רחל: הונגא?

הוגא: ניין, כ'דאנק, ס'דערוואַרעמט אַ ביסעל.

לעווין: אין הינט איז אַ שרעקליכע קעלט. דער אַלטער בעני האט מיר געזאָגט, אַז אין פעטערבורג הערשט אַ גרויסער פראסט.

יאקוב: יא, דאס דערקענט מען לויט די פרייזען פון פעטס.

מאריע: (קומט אריין מיט צוויי שיסלען געזאלצענע ברוסט, פרובטען, א. ז. וו. שטעלט עס אויפ'ן קרעדענס)

רחל: ווער וויל נאך? (אַלע דאנקען) רוימט צו, מאריע, און גיט אַהער דאס פלייש און אַ ביסעל גרינס.

(מאריע שטעלט די שיסלען אויפ'ן טיש, נעמט צו די טעלער און טראָגט זיי אַוועק)

רחל: זייַ אַזוי גוט, דינה, פערזוך אַ שטיקעל צונג – אייַנגעמאַכטע. יאקוב, פערזוך דאס פעטע שטיקעל ברוסט. זייַ אַזוי גוט, גיב מייערן אויך אַ שטיקעל. הוגא, עס. שרה'לען גיט אויך אַ שטיקעלע פלייש און אַ ביסעלע גרינס

שרה: כ'וויל אַ סך, באבעשי.

דינה: שרה...

יאקוב: לאָז אָב דאס קינד...

לעווין: (וויל אויפהייבען אַ גלאָז, נאר זיין בליק פאַלט פלוצלונג אויף אסתר'ס לעדיגען שטול. קוקט אויף דער פרוי און רעדט מיט אפרעגענדע זשעסטיקולירונג) נו–

רחל: וואס?

לעווין: וואו איז אסתר?

רחל: אסתר דאַרף באַלד קומען

לעווין: אבער וואו איז זי?

רחל: אסתר איז אויף דער לעקציע.

לעווין: (שטעלט זיין גלאָז אויפ'ן טיש, די איבריגע הייבען אויף די קעפ) אויף דער לעקציע?

רחל: יא.

לעווין: פארוואס ווייס איך דערפון גארניט? וואס איז דאס אַזוינס פאַרע לעקציע?

רחל: זי האט געזאגט - קולטור געשיכטע.

יאקוב: פרייטאג צונאכטס — קיל-ור-געשיכטע איז זעהר א נייטיגע זאך!

לעווין: וואס פארע קולטור?

רחל: וואס ווייס איך?

לעווין: אמתר נעמט לעקציעס און איך ווייס גארניט דערפון. און מיין צייט האבען יונגע מיידלעך אזוי ניט געטון. יא... יא...

הוגא: פאפא, היינט בעזיכען אלע יונגע מיידלעך לעקציעס.

לעווין: ערב שבת? דו האסט דאך זיך אויך געלערנט, ניט אמת? אבער פרייטאג צונאכטס פלעגסטו אוך געהן?

הוגא: (ציהט מיט די אקסלען) אמתר איז יונגער.

רחל: א צוואנציג יאהריג קינד!

לעווין: איז דען הוגא דאמאלט עלטער געוועזן?

יאקוב: און איך? איך האב איין יום-טוב ניט דורכגעלאזט. און דו, דינה, אז דו ביזט אלט געוועזן צוואנציג יאהר ביזטו געגאנגען אויף לעקציעס?

דינה: צו צוואנציג יאהר האב איך שוין געהאט ש'הילען.

יאקוב: דייסט עס, אז דו האסט ניט בעזוכט קיין לעקציעס?

דינה: יעדער טוט לויט זיינע געפיהלען.

רחל: אמת, דינה.

לעווין: אמתר פיהלט גארניט, דערפאר געהט זי אויף לעקציעס. (פויזע.)

(מאריע קומט ארייין מיט דעסערט.)

רחל: אדאלף, א שטיקעל ברוסט?

לעווין: ניין, א דאנק.

רחל: ארבסען?

לעווין: (דייגט א וועק גאפעל-מעסער) ניין.

רחל: ווער וויל יא? (ס'הערט זיך „ניין, „א דאנק") מייער?

מייער: ניין, בעסטען דאנק.

רחל: מאריע, דערלאנג דעם קוכען.

מאריע: (דערלאנגט און נעמט צו די טעלערלעך)

רחל: (צעשנייט דעם קוכען)

מאריע: דאס פריילין גערט.

5=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, אסתר.

אסתר: (קומט שנעל אריין אין פאלטא און הוט, פערוויטעלט זיך א ביסעל, עטוואס אויפגערעגט און אויפגעלעבט) גוטען אווענד... (קושט די מוטער) גוטען אווענד! (געהט צו צום פאטער, ער בייגט אב דעם קאפ אזוי, אז איהר קוש קומט אויס אויפ'ן שטערן) גוטען אווענד, פאפא! (גריסט צו אלע איבריגע, טוט זיך אויס)

מייער: (הייבט זיך עלעגאנט אויף, כדי איהר צו העלפען)

אסתר: זיצט, מייער, כ'וועל מיר אליין א עצה געבען. (מייער העלפט איהר, זי גיט איהם די זאכען, ער טראגט זיי אונגעשיסט אב, זעהר צופרידען) מייער, איהר פערלירט די מוטע. (לויפט לאכענדיג איהם נאך, זייערע בליקען בעגעגנען זיך, מייער לאכט פערשעמט און צופרידען, זי גלייכט זיך שנעל אויס און געהט אונצופרידען אב אין ווינקעל, מייער געהט אב מיט די זאכען)

רחל: ווילסט ניט עסען?

אסתר: (האלט אין האנד א בוך) ניין, כ'דאנק

לעווין: פארוואס עסטו ניט?

אסתר: כ'קאן ניט.

לעווין: ווען דו וואלסט אפילו ניט געקאנט, דארפסטו זיך אויך ענטשולדיגען, וואס דו האסט פערשפעטיגט צום אווענד-ברויט. וואו ביזטו געוועזען?

אסתר: כ'בין אויפגעגאנגען.

לעווין: וואס איז דאס פאר'ע ענטפער?

אסתר: כ'בין געוועזען אויף א לעקציע.

לעווין: וואו?

אסתר: אין אוניווערזיטעט.

לעווין: וואס פאר'ע לעקציע?

א ס ת ר: (מיט אַ געצוואונגען געלעכטער) ס׳לוינט ניט וועגען דעם צו רעדען.

ה ו ג א: אסתר...

ל ע װ י ן: איך פרעג וואָס פאַריע לעקציע?

ר ח ל: אַדאלף...

א ס ת ר: (קורץ) וועגען קולטור...

ל ע װ י ן: (בעקוקט אַלע) איז קולטור ניט קיין ערציהונג? וואָס, מיין טאָכטער נעמט לעקציעס איבער ערציהונג? אפשר קאָן מען וויסען ווי סיהייסט דיין פראָפעסאר וואָס גיט דיר די ערציהונג?

א ס ת ר: ס׳איז ניט קיין פראפעסאר.

ר ח ל: אסתר...

ל ע װ י ן: איך פרעג, ווי הייסט ער?

א ס ת ר: (נאָך אַ לאַנגע פויזע) פריוואַט דאצענט הערמינג.

(אַ מאָמענט הערשט אַ שטילשווייגען)

ל ע װ י ן: (קוקט אויף דער פ ר ו י און א ס ת ר׳ן, דערנאָך ווענדט ער זיך צו ה ו ג א׳ן) הערמינג! דו קענסט דעם פריוואַט-דאצענט הערמינג?

ה ו ג א: נאָר פון הערען.

ל ע װ י ן: און אַזוי ווייסטו גאָרניט וועגען איהם? ווער עם׳ס זוהן ער איז?

ה ו ג א: ניין.

ל ע װ י ן: מייער, ניט אמת, איהר קען׳ט יאָ אַ הערמינג? איך קען עטליכע; אַ אַלטען הערמינג און גאָרטען, מיין פאָטער׳ס אַ גוטער פריינד, יאָ, אַ שיינעם דאַנק. זיין זוהן איז אַ געהיים-ראַט, אַ באַנק-דירעקטאָר, אַ סאָלידע פירמע. מיר זיינען שול-קאָלעגען. ער פלעגט אַריינקומען צו אונז אין שטוב. מיר זיינען געווען אויף „דו״. נאָר נאָכדעם ווי כ׳בין אַ הערגע-קומען נאָכ׳ן פאָטער׳ס באַנקראָט, און האָב זיך צו איהם געווענדעט וועגען אַ פּאָסטען, ווייסט איהר וואָס ער האָט מיר געענטפער׳ט — „מיר דאַרפען ניט קיין יודען״. ניט אמת, מייער? אַ אָרנטליכער מענש, אַ וואויל מענשעל, איסוואורף!!! (אַ קורצע פויזע. לייגט צוזאַמען די סאַפּעטקע, אַ ל ע דאַנקען, שטעהט אויף) אַ דאַנק.

(אלע שטעהען אויף.)

מ א ר י ע: (קומט אריין)

(ד י נ ה און ר ח ל העלפען איהר ארויסצוגעבן פון טיש און געהען ארויס; י א ק ו ב נעמט פאר'ן האנד די קליינע ש ר ה און געהט מיט איהר צו צום אלטען ל ע ו ו י ן, כדי ער זאל זיך מיט איהר שפילען

ה ו נ א און מ ײ ע ר זעצען זיך אויפ'ן סאפע).

י א ק ו ב: (צו ש ר ה'ן) וואס זאגסטו דעם זיידעשי?

ש ר ה: אדאנק פאר'ן עסען, זיידעשי.

ל ע ו ו י ן: (הייבט זי אויף, קושט זי) סאיז ניטא פאר וואס, טייער קינד. דו געדענקסט דעם זיידען בייא דער באבעשי?

י א ק ו ב: נו, וואס ענטפערסטו?

ש ר ה: טאטעשי, גיב מיר די צען ערע וואס דו האסט מיר צוגעזאגט.

י א ק ו ב: דו הערסט, דינה, א וואונדערבאר קינד. (צום פ א ט ע ר וואס האט גענומען דאס ק י נ ד אויף די קניהען) האסט געהערט, אז ספירט האט זיך געהויבען אויף צען פראצענט?

ל ע ו ו י ן: יא, אין סינאגאגע האב איך דערפון געהערט.

י א ק ו ב: וואס זאגסטו צו דעם? מייער, ווען מיר וואלטען דעמאלט ניט פערקויפט? איהר האט דאך עפעס א הויש הריוח!

ל ע ו ו י ן: קיינער האט ניט אזא גיטען חוש הריוח אויף דער בירזע — ווי דו!

מ ײ ע ר: (פערנייגט זיך, חניפה'דיג) אויסער אייך, הערר לעווין.

י א ק ו ב: וואס הערט זיך נאך נייעס?

ל ע ו ו י ן: דער אלטער מעקלער וואלף איז געשטארבען. יא, יא, מיר ווערען אלע אלט.

ה ו נ א: א, ווען אלע זאלען זיין אזוי געזונד ווי דו.

י א ק ו ב: גיב א קלאפ אין טיש. (ער און ש ר ה'לע קלאפען אין טיש) דינה, גיב א קלאפ אין טיש...

ד י נ ה: (וואס האט זיך געהאט געווענדט ארויסצוגעהן, קערט זיך אום, גיט א קלאפ און געהט אוועק)

ל ע ו ו י ן: (הייבט אויף ש ר ה'לען. קושט זי און שטעלט זי אוועק אויף דער ערד. זי זעצט זיך אויף א שטול און שלאפט איין.

(לעווין נעמט אבוך פון אסתר׳ס טיש, קוקט אויף אסתר׳ן, די איבריגע קוקען אויף איהם)

אסתר: (זיצט אליין, פערטיפט אין איהרע געדאנקען)

לעווין: יא — הערמינג!

אסתר: (שטעהט אויף און געהט האסטיג פערביי איהר פאטער)

לעווין: וואוהין?

אסתר: און מיין צימער.

לעווין: אז אלע זענען דא, זעהט מען דיך ניט, און אז די קומסט שוין יא, נעהמסטו אוועק?

יאקוב: פאפא, לאז זי געהן.

לעווין: דאס איז קולטור?

אסתר: (דרייט זיך פלוצלונג אום) איך קאן מעהר ניט הערען די פלאפלעריען וועגען קולטור.

הוגא: (שטעהט אויף) אסתר...

אסתר: און געה דעריבער אוועק.

לעווין: די וועסט דא בלייבען.

אסתר: (מאכט עטליכע טריט און בלייבט צום סוף שטעהן, פויזע)

יאקוב: א שיינע האלטונג...

אסתר: מיש דיך ניט אריין.

לעווין: דא איז אויפגעדרוקט „י. א. הערמינג" — די קענסט דעם הערר? די ווייסט ווער ער איז? וועמענס זוהן ער איז? (א קורצע פויזע.) נו?

אסתר: יא.

לעווין: וועמענס?

אסתר: ער איז א זוהן פון דעם, וועגען וועלכען די האסט זיך פריהער אזוי שעהן אויסגעדריקט.

הוגא: אסתר!

לעווין: איך פארוועהר דיר צו בעזוכען זיינע לעקציעס

אסתר: די פארוועהרסט?

לעווין: יא.

אסתר: דאס קאנסטו ניט טון.

לעווין: איך וועל עס דיר ווייזען.

הוגא: פאפא!

יאקוב: לאָז אָב..

אסתר: דו פּארוועהרסט מיר צו הערען לעקציעס פון דעם, וועמענ'ס פאָטער מיהאָט אַמאָל דיך בעלייריגט. אַזוי זעגט איהר אַלע!

לעווין: איך פארוועהר דיר צו בעזוכען די לעקציעס פון דעם, וועמענ'ס פאָטער האָט און מיט נאָך היינט בעזודלען יודען ווען ער האט נאר די מעגליכקייט. דער פאָטער פון דעם מענש פערניכטעט מיט'ן גאַנצען הארץ דיינע עלטערן, און דערפאַר פארוועהר איך, דיין פאָטער, דיר צו הערען זיין זוהן. יאָ, אַזעלכע זענען מיר אַלע!... (ווארפט בייז דאָס ביכעל אויפ'ן טיש און נעמט אַ צייטונג)

אסתר: און דאָ זיצען דריי דערוואַקסענע מענשען און הערען דאָס רוהיג אוים אין יאָהר 1912... דו האָסט אויך אַזא מיינונג? נו, פערשטעהט זיך... און איהר, מייער? איהר שווייגט אין שטימט צו ווי שטענדיג. און די, הוגא, די קוקסט דאָך צווישען...

יאקוב: (קעהרט זיך אָב)

אסתר: צווישען אַנדערע מענשען, טאָ זאג זיי, אַז דאָס איז אַ אומזין

הוגא: געוויס, אומזין...

יאקוב: הייסט עס, אַז איך בין אויך אַ משוגענער.

אסתר: דאָס ווייס איך... דערפאַר טאַקע פרעג איך דיך ניט...

הוגא: איך מיין, אַז יעדער פון זיין שטאַנדפּונקט איז גע-רעכט.

אסתר: יאָ, און ווער איז, לויט דיין מיינונג, גערעכט?

הוגא: ווער?

אסתר: יאָ, ווער? ווער? דו ווייסט דאָך, טאָ זאג...

הוגא: (שווייגט)

אסתר: (ציהט מיט די אַקסלען) ניין, דאָ רעדט מען ניט, דאָ שווייגט מען.

יאקוב: ווער רעדט ניט, איך? מיר איז אַליין איינגט, קאָנסט דיר לאָבען, זעהר שעהן, מיר פערשטעהען שוין גארניט. מיר האָבען ניט געלערנט אין קיין אוניווערזיטעטען, און ניט

נעהערט די לעקציעס פונ׳ם העריר הערמינג, מיר פערגעסען זיך נים נעשעפט, כדי אונזערע קינדער זאלען, מיט גאט׳ס הילף, אויפוואקסען בעסערע יודען ווי דו. איך האב נים שטודירט און אוניווערזיטעט, און כ׳האב מיר מיינע 300,000 אויב די רופסט דאס אן אונזין, דאנק איך דעם איבערשטען פאר דעם אונזין...

אסתר: שרעקליך.

יאקוב: דרעה נים מיט׳ן קאפ.

הונא: לאז זי אב, יאקוב.

אסתר: שרעקליך.

יאקוב: וואס איז דא ש־עקליך? אט דאס וואס מיר קומען זיך פריוואט צונאנ:ט׳ם אלע צוזאמען און דיין מאמא גרייט צו זופ מיט קליסקעלעך? אט דאס וואס מיר פיהלען זיך גוט און בעקוועם, אט דאס איז שרעקליך?

אסתר: יא.

לעווין: (שטעהט אויף) גענוג. (לייגט אוועק די צייטונג אין א זייט) ס׳וועט גענוג זיין... (געהט, בעמערקענדיג שרה׳ן, שטעלט ער זיך אב) יאקוב. דאס קינד איז איינגעשלאפען.

6=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, דינה און רחל (קומען אריין)

לעווין: לעגט אוועק דאס קינד, ס׳איז שוין שפעט.

יאקוב: (נעמט דאס שלאפענדיגע קינד, זעהר פארזיכטיג און טראגט עס ארויס, אונטער דער בעגלייטונג פון דינה׳ן און פריי עווין, אין שלאפצימער. לעווין בלייבט שטעהן ביי די טירען פון קאבינעט)

לעווין: אויף איין מינוט, מייער.

מייער: (שטעהט שנעל אויף, געהט צו איהם צו) מיט פער־גנינען.

לעווין: (עפענט די טיר) בימע, מייער.

מייער: כ׳דאנק. (אב)

הונא און אסתר בלייבען אליין.

אסתר: (געהט צו צום פענסטער, הייבט אויף דעם שטארן אוי דער העלפט און קוקט ארויס.)

דער שניי געהט נאך אלץ.

הונא: (קוקט אויף איהר) קום אהער, אסתי.

אסתר: (מיטין רוקען צו איהם) וואס ווילסטו?

הונא: קום אהער...

(ער רוקט זיך אב, זי לאזט אראב דעם שטארן, געהט צו צו דער סאפע און זעצט זיך)

הונא: די האסט מיך געפרעגט ווער ס'איז געקומען, די אדער דער פאפא? די דארפסט אליין וויסען, אז דא איז ניטא וואס צו פרעגען. אויב איך האב געענטפערט הכנעה'דיג, האסטו עס בעדארפט פערשטעהן. דער פאפא און די מאמא זענען אלט... און אזוי ווי ביי כשערסטעהנטייל אלטע לייט האבען זיי מעהר ניט ווי די שטוב און אונז, קינדער. אט די פריינטאגצונאכטען, ווען די גאנצע פאמיליע קומט זיך צוזאמען און שרה בלייבט ביי זיי נעכטיגען, איז פאר זיי א יום-טוב און מיר דארפען איהם ניט שטערן, ווען ער האט פאר אונז אפילו א קלענערע בעדייטונג ווי פאר זיי.

אסתר: (אונגעדולדיג) יא, יא, איך ווייס עס...

הונא: מיר זענען געזעסען ביים טיש, און דיר איז גארניט איינגעפאלען צו ענטשולדיגען זיך, כאטש ס'איז געווען אויך א פרעמדער מענש...

אסתר: מייערן רופסטו אן א פרעמדער מענש, מייערן, וואס איז ביי אונז אין שטוב זייט כיהאב די אויגען געעפענט.

הונא: פאר'ן פאפא איז ער אבער א פרעמדער וואס איז פערבעטען געווארען צום טיש. דער פאפא האט דיך געפרעגט, די קענסט דעם פאפא אזוי גוט ווי איך. ער האט שטארק ליב ווען מיר זענען אלע ארום איהם. פאר יעדען פון אונז וואלט ער דאס לעצטע אוועקגעגעבען, נאר ער פערלאנגט, אז מ'זאל איהם צוטיילען כבוד, ניט צוליב שטאלצקייט, ניט צוליב נארישע איינרעדענישען, נאר וויל ס'שטעהט געשריבען „כבד את אביך ואת אמך"

אסתר: און צוליב שטאלצקייט אויך.

הונא: נו, יאָ.

אסתר: און צוליב נאַרישע אייגנרעדענישען.

הונא: דאָס איז ניט אמת.

אסתר: ווי דען קאָן מען אָנרופען דאָס וואָס ער האָט געזאָגט וועגען הערמיננגין?..

הונא: (ציהט מיט די פּלייצעס) פאַר די עלטערנס זינד.

אסתר: דאָס איז דאָך אָבער אַ נאַרישקייט.

הונא: קאָן זיין.

אסתר: כ'דאַרף ניט האַסען אַ מענש דערפאַר וואָס אונזערע עלטערן זיינען זיך שונאים.

הונא: כ'פּויהל צו הערמינג'ן ניט קיין ליבע און ניט קיין שנאה, כ'קען איהם ניט.

אסתר: דו קענסט איהם ניט, דו קאָנסט דאָך אָבער גאָרניט האבען נעגען איהם.

הונא: איך וויים נאָר, אַז ער איז אַ זוהן פון זיין פאָטער.

אסתר: ווענען דו קענסט אויך ניט.

הונא: אָפען גערעדט, האָב איך אפילו ניט קיין ווילען איהם יאָ צו קענען.

אסתר: דו ביזט פונקט אַזוי ווי אַלע, איהר פאָדערט, אַז מ'זאָל אייך ליבען.

הונא: מיר פאָדערן, אַז מ'זאָל אונז ליבען?

אסתר: און אַליין ברענגט איהר דערצו, אַז מ'זאָל אייך ניט קאָנען אַנקוקען.

הונא: וואָס זאָגסטו?

אסתר: אַט ווער איהר זענט!

הונא: ווער איז דאָס דער „איהר"? דער פאפא און די מאמא, איך און יאקוב? פאַרוואָס זענען מיר דאָס פלוצלונג געוואָרען פאַר דיר אַ „איהר"? מיך האָט נאָך פריהער אויך פערדראָסען וואָס דו האָסט זיך אויסגעדריקט „אַזוי זענט איהר אַלע"! דו האָסט דערמיט, הייסט עס, געוואָלט זאָגען, אַז מיר זענען ניט אַזוי גוט ווי געוויסע אַנדערע מענשען.

אסתר: געוויסע אַנדערע מענשען? אודאי!!!

הונא: וואָס אודאי?!

אסתר: דו מיינסט, אַז איך וויים ניט אויף וועמען דו צילסט

הוגא: אויף וועמען כ'ציל?

אסתר: נו, פֿערשטעהט זיך, אַז אויף הערמינגן.

הוגא: וואָס איז דיר עפּעס פּלוצלונג געקומען אין'ם קאָפּ אַריין „הערמינג"? כ'האָב גאָר געטראַכט וועגען גאַנץ אַנדערע. אַמאָל האָסטו אויך אַזוי געדענקט און געפֿיהלט ווי איך.

אסתר: יאָ, דאָס איז געווען אַמאָל.

הוגא: פֿאַר אַ האַלב יאָהר צוריק.

אסתר: וואָס ווילסטו דערמיט זאָגען?

הוגא: גאָרניט.

אסתר: (שטעהט אויף, דרייט זיך צופֿעליג אום) כ'קום דאָ אַריין, די גאַנצע פֿאַמיליע איז צוזאַמען. דער פּאַפּאַ זיצט אין מיטען איבער'ן פֿאַמיליע-זופּ פּונקט ווי אויף אַ טראָן. כ'בין געגאַנגען אין גאַס, אויפ'ן פּראָסט, דער שניי האָט געקלאַפּט איבער'ן פּנים. כ'האָב מיר געטראַכט מיינע געדאַנקען... כ'האָב געבענקט וועגען עפּעס גאַנץ אַנדערעס... וועגען עפּעס פֿרייעס, מיך האָט געצויגען ערגעץ ווייט וואו אַלץ איז אָפֿען, שעהן און פֿריי. און אָט בין איך דאָ אַריינגעקומען, מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די צייט האָט זיך צוריקגערוקט אויף אַ יאָהרהונדערט, אַז די וועלט איז איינגעשרומפּען אין די פֿיר ענגע ווענד, מוטער שמייכעלט נאָך אַלץ, דינה פּינטעלט אַלץ נאָך מיט די אויגען, דו שווייגסט, און דעם פּאַפּאַ'ס ווערטער קלינגען ווי גאָטעס גייסט איבער'ן וואַסער. ס'פֿעהלט לופֿט, נייע ווערטער, נייען... אַ טויטער — ים... יאָ, אַ טויטער ים...

הוגא: דאָס איז אַ שעהנער געדאַנק.

אסתר: אַוועק פֿון דאַנען, אַנטלויפֿען, אַנטלויפֿען...

הוגא: וואוהין?

אסתר: וואוהין? (געהט פּאַמעליך איבער'ן צימער מיט אַ גליקליכען שמייכעל איבער'ן געזיכט).

הוגא: (קוקט אויף איהר, דערנאָך קעהרט ער זיך אָב און מיט אַ גליקליכען שמייכעל נעמט ער שטיל און פּאַמעליך רעדען) כ'פֿיהל אויך דאָס זעלבע. ווען כ'בין טיילמאָל צווישען אַנדערע מענשען, ווי דו האָסט זיך פֿריהער אויסגעדריקט,

פערכאפּט מיך אַן אַ בענקשאַפט נאָך דער הײם, און װען כ׳קום דאָ אַהער, פֿיהל איך, אַז כ׳בין אין דער הײם. כ׳קאָן עס דיר ניט ערקלערען, נאָר דאָס װאָס דו רופסט אַן פֿאַמיליען־זופּ, און דאָס װאָס די װעלט איז אײַנגעשרומפּען, און דאָס װאָס דינה פּינטעלט מיט די אויגען — דאָס אַלײן איז מיר זעהר טײַער. כ׳פערשטעה, אַז ס׳איז פֿאַרדאַן עפּעס טײַערערעס, גרעסערעס, כ׳קאָן זיך גוט פֿיהלען צװישען אַנדערע מענשען, צװישען קריטטען, געצענדיגער — אָהן אונ־טערשיד. זאָל אָבער דאָס פֿרעמדע לעבען זײַן אינטערע־סאַנטער, װאָס טובידיגער, זאָלען די אַנדער׳ע מענשען זײַן בעסער און קלוגער, אָבער פֿאָרט איז מיר דאָ עפּעס װי דרינגט מען זיך אויס, היימישער, װאָס כ׳האָב און װעל אויף קײן פֿאַל ניט פערטװישען, אַז כ׳זיץ דאָ און הער דעם פּאַפּאַ׳ס ריד װאָס פּליטען, — װי דו זאָגסט —, אויפ׳ן װאַסער אין די מוטער װאָס רעגט זיך אויף צוליב די קליינקעלעך און... יאקוב׳ן װאָס פעדרעהט דעם קאָפּ מיט זײַנע מעשׂות װעגען ספּירט אין װעקסלען. יאָ, װען דאָס אַלײן װאָלט געװען אויסער די פֿיר װענד, װאָלט... נאָר דאָ איז עס גוט, דאָ איז עס אויפ׳ן אָרט. איך אַלײן געהער אויך דאָ אַהער, ניט קוקענדיג אויף מײַן אוניװערזיטעט־בילדונג, אויפ׳ן פּראָגרעס, נײַע עפּאכע אין די איבריגע זאַכען. כ׳געהער דאָ אַהער מיט דעם געפֿיהל, װאָס דו קאָנסט אָנרופֿען אונזין אָדער פֿאַמיליען־זופּ — — װי דו װילסט. נאָר דאָס איז ניט קײן טויטער ים, אסתר, נײן.

א ס ת ר : (װאַרפט זיך בײַ די לעצטע װערטער צופעליג אין שטול בײַ װעלכען זי שטעהט און בעדעקט דאָס געזיכט מיט די הענד)

ה ו ג א : (שטעהט שנעל אויף) װאָס איז דיר, אסתר?

א ס ת ר : גאָרניט.

ה ו ג א : זאָג מיר.

א ס ת ר : כ׳קאָן ניט.

ה ו ג א : דאָס קימט דיר צוליב׳ן פֿאָטער?

א ס ת ר : נײן.

ה ו ג א : פֿאַרװאָס װײנסטו?

אסתר: (הייבט אויף דעם קאָפּ) כ'וויין ניט, ניין, לאַך ניט.. כ'בין אַזוי... כ'בין אַזוי...

הוגא: וואָס ביזטו?

אסתר: כ'קאָן ניט, הוגא, כ'ווייס ניט... כ'דאַרף ניט טראַכטען...

הוגא: שטילער...

7-טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, יאַקוב, דינה און רחל.

די טיר פון שלאָפצימער עפענט זיך פאָרזיכטיג און ס'קומט אַריין יאַקוב, אין דער בעגלייטונג פון דינה'ן און רחל, וועלכע פערמאַכען הינטער זיך שטיל די טיר. יאַקוב קערט זיך אום און גיט זיי אַ צייכען, אַז זיי זאָלען שווייגען.

יאַקוב: שש... דינה געה ניט ווי אַ בער און פּלאַפּעל ניט אַזוי פיל, אַזוי... דאָס קינד איז מיד געוואָרען, אַזויפיל מענשען, אַזויפיל עסען, דינה, דו שטאָפּסט דאָס קינד צופיל...

דינה: איך?

יאַקוב: אפשר איך?

דינה: נו, וועל איך עס אויפהערען צו שטאָפּען.

יאַקוב: אַז כ'זאָג, אַז דו וועסט דאָס קינד אויפהערען צו שטאָפּען וועסטו עס אויפהערען, ניט באַלד יעדעס קינד וועגט 140 פונט.

דינה: 139.

יאַקוב: נו, 139 איז אויך ניט שלעכט אין אַ נויט. (לאַכט הויך פון זיין וויץ, געהט צו און קושט דינה'ן) זאָג מיר, כ'בעט דיך, וואָס איז שווערער 140 פונט די לײַכטסטע כינעזישע פעדערן, אָדער 140 פונט דאָס שווערסטע אַמעריקאַנער פעטס?

דינה: יאַקוב, דו ווילסט מיך צונאַר מאַכען?

יאַקוב: ניין, אָבער וואָס איז שווערער?

דינה: פערשטעהט זיך, אַז פעטס...

יאקוב: געווים... דו ביזט שוועֶרער. דינה, זאָל גאָט געבען, אַז מיינע קינדער זאָלען ירשה׳נען דיין וואָג און אַ ביסעלע פון דיין שכל. (קוקט אויפ׳ן זייגער) קינדער, ס׳איז שוין צייט אָ היימצוגעהן.

רחל: שוין?

יאקוב: ביז מיר וועלען אַהיים קומען וועט שוין גאָר שפּעט זיין. הונא, דו נעֶרסט? מאמא, זיי אַזוי גוט און רוף אַריין דעם פאפא, דינה, זאָג „אַ גוטע נאַכט“. (רחל געהט צו צו דער הינטערגרונד־טיר און קלאַפּט, דינה און יאקוב געזעגנען זיך מיט אסתר׳ן, דערנאָך געהען זיי צו רחל׳ן און זאָגען „אַ גוטע נאַכט“)

8־טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, מייער און לעווין קומען אַרויס פון קאַבינעט.

יאקוב: מייער, איהר געהט מיט אונז?

לעווין: שוין? (געזעגנען זיך)

רחל: (דערלאַנגט יאקוב׳ן אַ פּעקעלע) אַ שטיקעל עפּעל־קוכען פאַר נאַניאַטשקין.

יאקוב: הונא, מיקאָן עס איהר געבען היינט בײַנאַכט?

הונא: אויב דו ווילסט דורכאויס, אַז דיין קינד זאָל קראַנק ווערען...

(געהען אָב אין קאָרידאָר, די לעווין׳ס בעגלייטען זיי, הונא וואַרט)

הונא: (צערטלענדיג) אסתר, אַ גוטע נאַכט.

אסתר: אַ גוטע נאַכט, הונא.

יאקוב: (רופט) נו, קום שוין, הונא.

הונא: (געהט אַרויס, מ׳הערט ווי אַלע געזעגנען זיך און זאָגען זיך „אַ גוטע נאַכט“, אַ שטילקייט.)

9=טער אויפטריט.

לעווין, רחל, אסתר.

(די לעווינ׳ס קומען אריין, רחל הייבט אויף די שטארענס און עפענט דאס פענסטער און דער העלפט, באלד נאכדעם הערט זיך פון אונטען „א גוטע נאכט״ — „געהט געזונד, קינדער״.)

לעווין: (געהט צו צום קאבינעט) די געהסט שלאפען?

רחל: באלד.

לעווין: כ׳געה זיך שוין לייגען. (אב)

רחל: (רוימט אב דעם טיש, געהט צו צום קרעדענס, ברענגט אלץ אין ארדנונג, בעהאלט דאס זילבערצייג)

אסתר: (זיצט אויפ׳ן סאפע) מאמא!

רחל: וואס?

אסתר: כ׳וויל מיט דיר עפעס רעדען.

רחל: באלד, מיין קינד. (פערשליסט דאס זילבער, בעהאלט, דעם שליסעל אין טאש) שוין לאמיר זיך זעצען און זיך אדורכרעדען. (זעצט זיך נעבען אסתר׳ן, פלוצלונג) כ׳האב פערשלאפען דאס ציהונג?

אסתר: יא, מאמא.

רחל: וואס ווילסטו, מיין טייערע?

אסתר: כ׳ווייס, אז כ׳האב זיך גראב אויפגעפיהרט געגען פאפא. דאס איז געווען נאריש, נאר כ׳בין געווען צושטרייט און כ׳האב ניט געקאנט אנדערש ענטפערן. מ׳האט איהם שוין לאנג געדארפט זאגען, אז כ׳בעזוך הערמינג׳ס לעקציעס. דו האסט אבער מורא געהאט, אז ער וועט זיך בייזערן, היינט האט אבער מיט מיר עפעס נייעס פאסירט, גאר נייעס, כ׳דארף עס איהם דערצעהלען, נאר כ׳קאן ניט. מאמא, כ׳בין פרעהליך, כ׳בין גליקליך... און פונדעסטוועגען וואלט איך געוואלט, אז ס׳זאל אנדערש זיין.

רחל: וואס איז דען?

אסתר: דער פאפא וועט עס ניט פערשטעהן און ס׳קאן זיין, אז ער וועט עס מיר קיינמאל ניט מוחל זיין.

רחל: אום גאָטעס ווילען, וואס איז דען געשעהן?

אסתר: כיבין געוואָרען הערמינגס כלה.

רחל: שטילער... (קוקט דערשראָקען אויף דער טיר פון קאבינעט) אסתר, אום גאָטעס ווילען, דו לאַכסט... אסתר... וואָס האָב איך דיר געזאָגט ווען דו האָסט געבעטען אַ ערלויבניש צו בעזוכען זיינע לעקציעס? „הערמינג איז ניט פאַר דיר", געדענקסטו עס? נו ווער איז געווען גערעכט?

אסתר: מאַמא...

רחל: דאָס קאָנסטו ניט טון. דו קענסט דאָך דעם פאפא. הערמינג — זיין איידעם?... זאָל גאָט אָבהיטען... און איך זאָל דיר נאָך העלפען? קיינמאָל ניט. אסתר, דאס קאָן איך ניט. איך זאָל געהן צום פאפא און איהם זאָגען, אַז זיין טאָכטער האט חתונה מיטין געזיים־ראַש הערמינגס זוהן?...

אסתר: יאָ, מאמא...

רחל: קיינמאָל ניט.

אסתר: דו מוזט עס, מאמא.

רחל: זאָג דו איהם אַליין.

אסתר: כ'וועל ניט קאָנען רעדען מיטין פאפא.

רחל: און איך וועל יאָ קאָנען?

אסתר: דער פאפא פיהלט ניט...

רחל: זינדיג ניט...

אסתר: ער פערשטעהט ניט.

רחל: דו ווייסט דען וואָס דער פאפא פיהלט? ווייסטו דען וואס ער פערשטעהט? איז עס דען אַ וואונדער, וואָס אַ 70־יעהריגער מאַן פערשטעהט ניט, ווי אַזוי אַ אייגענע טאָכטער קאָן איהם אָנטון אַזא צרה, אַ צרה איז נאָך אַ צו שוואַכער אויסדרוק... דו ווייסט וואָס ער וועט ענטפערן, אַז מ'וועט איהם דאָס דערצעהלען? „ווער האָט אסתרין ערלויבט צו בעזוכען דיִ לעקציעס? דו! ווער האָט דאס בעהאַלטען פון מיר, דו! ווער זשע איז אין אַלעם שולדיג? דו!"...

אסתר: ברעג מיך ניט אין פערצווייפלונג.

רחל: גאָט איז מיין עדות, אַז כ'וואָלט פאַר דיר אַלץ געטון.

אסתר: טאָ טו עס.

רחל: אַלץ וואָס דו ווילסט, נאָר ניט דאָס. (אַ קורצע פּויזע.)
אסתר דו מוזט זיך אָבזאָגען פון הערטינגן.

אסתר: דאָס הײַסט בײַ דיר הילף?

רחל: נו — יאָ...

אסתר: (שטעהט אויף) ווי אַזוי קאָנסטו אַזוי רײדען?

רחל: (דריקט זי צו צו זיך) ני, נו, מײַן טײַערע, קלײנינקע אסתר... דו ביזט יונג און איך בין אַלט — דו רעדסט ווי דו פיהלסט און איך רעד ווי איך פיהל. קאָן איך דען דיך אַרגומענטען און דיך קושען, אַרגומענטען דיך און זאָגען, אַז כ'בין גליקליך? בערוהיג דיך, טײַערע, אום גאָטעס ווילען, דער פּאַפּא קאָן יעדע מינוט אַרײַנקומען... כ'קאָן איצט מיט איהם ניט רעדען, כ'ווייס ניט ווי אַזוי מ'הײבט אָן און ווי מ'ענדיגט — כ'וואָלט געשטאַנען אַ צוגעשמידטע און וואָלט כ'ווייס ניט וואָס גערעדט... מיר וועלען איבער נאַכט אַלץ איבערטראַכטען, טײַערע, כ'וועל מײַ ווי מײַ די נאַכט אַנ'אויג ניט צו מאַכען. דו געדענקסט וואָס ס'איז געווען מיט הוגאָ? זי איז ניט געווען דעם געהײַמראַטס הערטינגס טאָכטער, און פונדעסטוועגען האָט ער זיך צוליב דעם פאָטער פון איהר אָבגעזאָגט. יאָ, יאָ, כ'ווייס, הײַנט האָט זיך אַלץ געענדערט, ס'איז שוין ניט דאָס וואָס אַמאָל. מ'האָט חתונה מיט וועמען מ'וויל. אָבער דער פּאַפּא פערשטעהט עס ניט... ער וועט ניט פערשטעהן, אַז זײַן טאָכטער... זײַן טאָכטער...

אסתר: ער מוז פערשטעהן!

רחל: ער מוז?

אסתר: אַז איצט איז אַ אַנדערע צײַט

רחל: אַ, יאָ...

אסתר: און אַנדערע מענשען.

רחל: יאָ, צום בעדויערן.

אסתר: ער מוז עס פערשטעהן.

רחל: ער מוז... זײַ ניט קײַן קינד, אסתר, וואָס הײסט דאָס, מיר אַלטע מוזען? מיר קאָנען ניט... אַז דו וועסט עפּעס ניט פערשטעהן, און כ'וועל דיר זאָגען

— דו מוזט — ווּעסטו עס דעמאָלט שוין יאָ פֿערשטעהן?

אסתר: מאמא, דו אָבער פֿערשטעהסט דאָך מיך יאָ.

רחל: איך?

אסתר: אַז כ׳זאָג דיר, אַז... (קניהט פאר דער מוטער)

רחל: נו, יאָ — (לעגט די האַנד אויפֿ׳ן ברוסט) אָט דאָ, קאָן זיין, פֿערשטעה איך דיך. (ווייזט אויפֿ׳ן שטערן) נאר דאָ... כ׳קאָן ניט דײַן הערטזיגניי, ס׳קאָן זיין, אַז ער איז אַ זעהר גוטער מענש, אַ קלוגער און אַ ערנטליכער — איך קען אוהם ניט. דו האָסט זיך פֿערליבט מיט אַ מענש וועלכען דו קענסט און ליבסט — נאר איך קען דאָך אוהם אָבער ניט. איך קאָן דיר נאר אויין זאַך זאָגען: אַך, ווי גליקליך וואָלט איך געווען ווען ער וואלט געוועזן אַ יוד... ווי טרויריג איז, וואס כ׳קאָן זיך מיט דיר ניט מיט פֿרייען, און אַז כ׳טראַכט איבער וואָס ס׳וועט ווייטער זיין, און וואָס מיר און דעם פאפא שטעהט נאָך פֿאר אויף דער עלטער איבערצולעבען — כ׳ווייס ניט, אויב כ׳זאָל מיר עפעס ערגערס ווינשען...

אסתר: מאמא...

רחל: ניין, ניין, מיין האַרץ, מיין טײַערע, ליב קינד... נאָט וועט אונז העלפען. (ס׳הערען זיך טריט פון קאַבינעט) דער פאפא געהט. שנעלער, אסתר, געה אַוועק, זאל דיך דער פאפא ניט זעהן. כ׳וועל אוהם היינט גארניט זאָגען.

אסתר: אַ גוטע נאַכט, מאמא.

רחל: ניין, היינט ניט, ניין... אַ גוטע נאַכט!

אסתר: (געהט שנעל אַרויס דורך דער הינטערשטער לינקער טיר)

רחל: (שטעהט אויף) אַליין געענדיגט.

10=טער אויפטריט.

לעווין און רחל

לעווין: (געהט ארויס פון קאבינעט) די ביזט נאך ניט געגאנגען שלאפען?

רחל: כ'האב געדארפט אלץ אין ארדנונג ברענגען.

לעווין: אסתר האט זיך שוין געלעגט?

רחל: זי האט געבעטען ענטשולדיגונג.

לעווין: א שעהנעם דאנק. (געהט צו צום שלאפצימער, אומדרעהענדיג זיך) וועסט הייסען פערלעשען די לאמפ? *)

רחל: יא.

לעווין: (עפענט די טיר פון שלאפצימער

רחל: (אטעמט שווער) אך, יא...

לעווין: שש... רחל, דאס קינד... (געהען אויף די שפיץ פינגער אריין אין שלאפצימער)

פארהאנג

צווייטער אקט.

אין צוויי טאָג ארום. זונטאג נאָך מיטאג.

לעווינ'ס קאבינעט. אין מיטען א ארבייטס=טיש און שטולען, טיף אראָב א סאפע, איבער וועלכע ס'הענגען די בילדער פון לעווינ'ס עלטערן. רעכטס א פענסטער; דערנעבען א שרייב=טיש מיט א דרעה=באַנק און א פאטעל. רעכטס אין הינטערגרונד א קאסע, לינקס, צווישען צוויי שטולען, א רויכער=טישעל.

טירען: רעכטס, טיף אין קאָרידאָר. טיף לינקס אין עס=שטוב, אוואנס=סצענע לינקס, אין שלאָפצימער.

ביים אויפהייבען דעם פאָרהאנג זיצט לעווין, הויזליך אנגעטון, נעבען שרייב=טיש. דערנעבען מייער אין א שטול, אין שלום=ראָק. לעווין דיקטירט, בעצייכענדיג עפעס אויף א בויגען פאפיר. מייער פערצייכענט עס אין זיין נאָטיץ=ביכעל.

1=טער אויפטריט.

לעווין, מייער.

לעווין: (איבערדרעהענדיג דעם בויגען אַלזאָ, הייסט עס:
14000 4 1/2 היפאָטיק, צווייטע סעריע פאַר דער אלמנה מעלכיאָר, — פערשריבען?

מ ײַ ע ר; 14000412 היפּאָטיק, צווייטע סעריע — יאָ.

ל ע װ י ן: איצט נאָך 20,000 4% קרעדיט־פּאַפּירען, צווייטע סעריע. ווי האַלט דער קורס?

מ ײַ ע ר: 2 91^{1} ביז 314.

ל ע װ י ן: יאַקוב האָט נעכטען געקויפט ספּירט?

מ ײַ ע ר: ניין, נאָר געװעהנליכען.

ל ע װ י ן: וויפיל?

מ ײַ ע ר: 10,000 קאַטענאַ און 10,000 פּרעיאַ.

ל ע װ י ן: ווי קאָן מען זיך דאָס נישט אָבהאַלטען?

מ ײַ ע ר: מיר דאַכט זיך, אַז ספּירט איז געפעהרליכער...

ל ע װ י ן: און צום סוף: 18, 000 קרעדיט־באַנק. נור זייט פאָרזיכטיג, מייער.

מ ײַ ע ר: די פּאַפּירען זענען אָהן ריזיק.

ל ע װ י ן: אַ דאַנק, מייער, אַלץ... איהר ווילט נישט @ סיגאַר?

מ ײַ ע ר: אַ דאַנק.

ל ע װ י ן: (דערלאַנגט איהם אַ סיגאַר דערנאָך געהט ער צו צו די פּאַפּירען אין קאַסע, בעמערקט אויפ'ן שטול ביים טיר מייער'ס צילינדער) מייער, דאָס איז אייער צילינדער?

מ ײַ ע ר: יאָ.

ל ע װ י ן: אַ צילינדער! איהר טראָגט דען אַ צילינדער?

מ ײַ ע ר: יאָ, מיט אייער ערלויבניש.

ל ע װ י ן: (בעהאַלט די פּאַפּירען אין שאַנק) כ'זעה עס צום ערשטען מאָל. געווים אין אויסנאַם — פאַלען?

מ ײַ ע ר: (ציהט פערוואונדערט מיט די אַקסלען).

ל ע װ י ן: צום בײַשפּיל; ביי לוורת אָדער בײַ עהנליכע צערעמאָניעם.

מ ײַ ע ר: זאָל גאָט היטען...

ל ע װ י ן: ענטשולדיגט... (קעהרט זיך צוריק צום שרייב־טיש) כ'וויל אייך מעהר נישט אויפהאַלטען, געהט זיך איבער שפּאַצירען (שמייכלענדיג) אין אייער צילינדער.

מ ײַ ע ר: (נאָך אַ פּויזע) ענטשולדיגט, העֶרר לעווין.

ל ע װ י ן: וואָס אַזוינס?

מ ײַ ע ר: כ'וואָלט געבעטען, אַז איהר זאָלט מיר שענקען עטליכע

מינוט.

לעווין: מיט פערגניגען (בעט איהם זיצען) ביטע.

מייער: כ'דאנק פאראויס. (זעצט זיך. פויזע) ענטשולדיגט מיר, הערר לעווין, נאר איהר האט מיך אליין פריהער געפרעגט פארוואס כ'טראג היינט א צילינדער, און כ'ערלויב מיר עס אייך צו ערקלערען.

לעווין: ערקלערען... ביטע מייער.

מייער: סיקאן זיין, אז איהר וועט מיך האלטען פאר א איינגעבילדעטען, נאר די לעצטע יאהרען האלט איך אין איין טראכטען וועגען דעם און קאן זיך אליין נישט בעשליסען... איהר זענט אזוי גוט געווען, הערר לעווין, און מיך בעשטימט פאר א פערוואלטער און מיר געהעכערט דאס געהאלט. פאר די עטליכע יאהר האב איך וואס ס'איז אנגעזאמעלט. אמת, כ'דארף אונטערשטיצען מיין מוטער און שוועסטער, מיין געהאלט איז אבער א גוטס... זעהר א גוטס... און אליין צוזאמען... (ווישט אב דעם שווייס פון שטערן)

לעווין: יא, יא, אבער ווי קומט דא אהער דער צילינדער, מייער?

מייער: כ'וועל באלד ערקלערען, איין מינוט... כ'ארבייט בייא אייך 20 יאהר, הערר לעווין, און כ'האב א רעכט צו מיינען, אז איהר זענט געווען פון מיר צופרידען. איהר האט טיילמאל בעמערקט, אז מיט דער צייט, ווען איהר וועט אמאל א וועקווארפען דאס געשעפט, אדער עפעס ענליכעס – וועט דאס קאנטאר איבערגעהן צו מיר, און איך וועל דארפען אויסצאהלען אייך אדער, חלולה וחס, אייער אלמנה, פראצענט מיטין קאפיטאל. דערווייל בין איך שוין 37 יאהר אלט, און כ'האב, ענטשולדיגט מיר, א קליין ביסעלע קאפיטאל... האב איך מיך מיישב געווען, צי איז נישטא א עצה, אז אי דאס געשעפט, אי דאס קאנטאר זאלען בלייבען אין דער משפחה... (האקט אב)

לעווין: אין דער משפחה?

מייער: (שטעהט אויף) ענטשולדיגט, נאר... קורץ און גוט: כ'ערלויב מיר צו בעטען אייער טאכטער, אסתר'ס, האנד.

(א לאנגע פויזע)

ל ע ו ו י ן: נו, יאָ... (ווידער אַ פּויזע) כיבעט אייך, מייער, זיצט.

מ יי ע ר: כידאַנק אייך.

ל ע ו ו י ן: נו, יאָ... (פּויזע. ער הויבט אויף דעם קאָפּ) מיט אסתרין האָט איהר שוין גערעדט?

מ יי ע ר: ניין, העֶרר לעווין.

ל ע ו ו י ן: און מיט הוגאין?

מ יי ע ר: אויך נישט.

ל ע ו ו י ן: הייסט עס, מיט קיינעם נישט?

מ יי ע ר: ניין, נאָר מיט אייער פרוי.

ל ע ו ו י ן: וואָס האָט זי אייך געזאָגט?

מ יי ע ר: הם... מיקאָן זיין, אַז כיפיהר מיך אַ ביסעל צו אוּמאָדיש, נאָר כיהאַלט דעם שריט פאַרין ריכטיגסטע.

ל ע ו ו י ן: כיבין איינשטימיג דערמיט. (פּויזע). נו, יאָ... אַז איהר פרעגט אָפּען, מוז איך אייך אויך אָפען ענטפער'ן: אָט דער געדאַנק איז מיר שוין איינינע מאָל איינגעפאַלען און ער איז מיר געפעלען.

מ יי ע ר: אַדאַנק, העֶרר לעווין.

ל ע ו ו י ן: איך רעד נאָר וועגען זיך אַליין. יאַקוב האָט זיך זיין געשעפט, הוגא געהט זיך אין זיינע וועגען, אַזוי אַז מיין געשעפט בלייבט אין דער אסתין אָהן יורשים. פערשטעהט זיך, אַ געשעפט איז נישט קיין לעבעדיגע זאַך, נאָר פונדעסטוועגען איז עס יעדען טייער, פּונקט אַזוי ווי אַ אייגען קינד, וואָס מ'וויל נישט איבערגעבען אין פרעמדע הענד. אייך, מייער, האַלט איך נישט פאַר קיין פרעמדען מענש. איך ווייס, אַז ווען כיוואָלט געשטאָרבען, וואָלט איהר ווייטער געפיהרט מיינע געשעפטע, נאָר פונדעסטוועגען וואָלט איך געלעגען רוהיגער אין קבר, ווען דאָס געשעפט בלייבט אין דער משפחה. נישט אמת, מיר פערשטעהען זיך איינער דעם אַנדערן?

מ יי ע ר: פאָלשטענדיג, העֶרר לעווין.

ל ע ו ו י ן: אַלזאָ, כיהאָב גאָרנישט געגען דעם, איהר זענט נאָך אַ יונגערמאַן... האָט אַ גוטען נאָמען אויף דער בירזע... (מ יי ע ר פערנייגט זיך) און אויף די איבריגע ערטער. איהר

וואָלט דרייסט געקאָנט איבערנעמען דאָס קאָנטאָר און אייערע הענד און וואָלט עס זעהר גוט געפיהרט. איהר וואָלט געקאָנט ווייטער פיהרען די פירמע „אַ דאָלף לעווין“, קאָן זיין מיט אַ צוגעגעבענעם שותף... נאָר ס'וואָלט פאָרט גע־טראָגען מיין נאָמען. איהר פערשטעהט דאָך, אַז ס'האַנדעלט זיך דאָ נישט וועגען אַ נאַרישע עקשנות, נאָר ווען איהר וואָלט זיך געזעצט אָט דאָ אויף מיין אָרט, וואָלט איך געוואוסט, אַז מיין פירמע בלייבט ביי דער זעלבער קליענטור און ביי דער זעלבער טעטיגקייט. אויף אַזאַ אַרט, אויב כ'וואָלט גענומען זיך אַ אייד'עם, וואָס זאָל מיך פערשטעהן, ווען...

מ ײ ע ר: ביז 120 יאָהר...

ל ע ו ו י ן: פריהער אָדער שפעטער מוז עס געשעהען. אַלזאָ וואָס אַנבעלאַנגט מיך פערזענליך, האָט איהר מיין צו־שטימונג.

מ ײ ע ר: (שטעהט אויף) טויזענד דאַנק אייך.

ל ע ו ו י ן: (ציהענדיג מיט די אַקסלען) נאָר...

מ ײ ע ר: (זעצט זיך) יאָ, זעלבסטפערשטענדליך... (פויזע)

ל ע ו ו י ן: אייער סינאר איז אויסגעגאַנגען... מייער... איהר ווילט זי פערריכערן?

מ ײ ע ר: אַ דאַנק... איך וועל צו וואַרטען.... (פויזע)

ל ע ו ו י ן: איך זאָג „נאָר“... אין 68־טען יאָהר ווען איך בין געוואָרען אַ חתן, האָט נישט עקזיסטירט קיין „נאָר“, איצט אָבער, אין 1912, היט מען נישט שטאַרק אפילו משה רבינו'ס פינפט געבאט. דעמאָלט זענען די עלטערן געווען אויפ'ן ערשטען פלאַץ, און איצט זענען עס די קינדער. וואָס זאָל מען זאָגען?... איהר קענט אסתר'ן פונקט אַזוי גוט ווי איך. זי בעזיצט עטליכע שפראַכען, סטענאגראַפיע, בעזוכט לעקציעס, נאָר אויב זי קאָן אייך אָבקאָכען אַ טעלערל זופ, דאָס, מייער, ווייס איך נישט. לאָמיר צו וואַרטען, כ'וועל איבעררייד'ן מיט דער אַלטער, און זי — אויב איהר ווילט — מיט אסתר'ן. לאָמיר האָפען, אַז אייערע אַקצי'עס שטעהען ביי מיין טאָכטער פונקט אַזוי הויך ווי ביי מיר.

מ ײַ ע ר: (שטעהט אויף) איהר זענט זעהר ליבענסווירדיג, הערר לעווין.

ל ע װ י ן: אלזא בלייבסטים?

מ ײַ ע ר: יא, בידאנק.

2=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, ר ח ל, באלד דערנאך א ס ת ר.

ר ח ל: (קומט אריין און דערזעהענדיג מייער'ן, בלייבט זי שטעהן אין דער טיר) ענטשולדיגט...

ל ע װ י ן: קום אריין, מיר האבען שוין געענדיגט.

ר ח ל: כ'האב געמיינט, אז איהר זייט שוין אוועק, מייער, און קאָרידאָר הענגט נישט אייער פאלטא.

מ ײַ ע ר: (געהט צו צו זיינע זאכען) יא, ענטשולדיגט, עס איז דא... (טוט זיך אן דעם פאלטא)

ל ע װ י ן: (העלפט איהם צו).

מ ײַ ע ר: (געהט צו צו רחל'ן זיך געזעגנען)

ר ח ל: (אפלעסק טוענדיג מיט די הענד) מייער און א צילינדער! טוט איהם אן, לאמיר זעהן ווי ער פאסט אייך. (מ ײַ ע ר טוט איהם אן, פ ר וי און הערר לעווין לאכען) גרויס-ארטיג... (לויפט צו צו דער לינקער טיר און רופט) אסתר, אסתר, קום נאר אריין.

א ס ת ר: (קומט אריין)

ר ח ל: גיב נאר א קוק, מייער און א צילינדער. (ב יי ד ע לאכען ווי סיקלייידט איהם... (לעווין און מ יי ע ר לאכען) מייער, איהר זעהט אוים ווי א חתן=בחור. (אלע לאכען).

מ ײַ ע ר: (טוט, אוים דעם צילינדער)

ל ע װ י ן: מייער, איהר ווילט נישט פערזוכען? אסתר, דער לאנג איהם א שוועבעלע.

א ס ת ר: (דערלאנגט איהם א אנגעצונדען שוועבעלע)

מ ײַ ע ר: (וויל נעמען דאס שוועבעלע)

א ס ת ר: ניין, לאזט מיך. פערדויבערט זיין סיגאר) תרתחדש.

מ ײַ ע ר: (אנקוועלענדיג) דעם בעסטען דאנק. (געזעגענט זיך אנ

געהט אָב אין דער רעכטער טיר)

לעווין: (בעגלייט איהם)

אסתר: (שנעל, צו דער מוטער) רייד איצט מיט'ן פּאפּא.

רחל: מאָרגען, אסתר...

אסתר: נעכטען האָסטו אויך אַזוי געזאָגט. דער פאָטער דאַרף אַלץ פריהער וויסען, איידער יערטען קומט... איך האָב עס איהם צוגעזאָגט...

רחל: וואַרט צו...

אסתר: דו מוטשט עס.

רחל: כ'קאָן נישט.

אסתר: דו וועסט עס טון... (קושט די מוטער) נו, מאמא.

(מ'הערט ווי דער אלטער מורמעלט עפּעס אין קאָרידאָר אונטער דער נאָז פאַר זיך.)

אסתר: (לויפט שנעל אָב.)

3-טער אויפטריט.

פרוי און הערר לעווין.

רחל: אסתר...

לעווין: (קומט אריין, גוט געשטימט, געהט אַרום ברומענדיג, אָנפּוּלענדיג זיין ליולקע)

רחל: (קעהרט זיך שנעל צו דער טיר, און וועלכע אסתר איז אַרויס.)

לעווין: וואָוהין

רחל: כ'האָב געוואָלט...

לעווין: דו אײַלסט זיך?

רחל: כ'האָב זיך נישט וואָס צו אײַלען.

לעווין: טאָ בלײַב דאָ. דיך אַרט נישט, אַז כ'רויכער?

רחל: (ענטפערט נישט)

לעווין: כ'פרעג, דיך אַרט נישט, אַז כ'רויכער?

רחל: פאַרוואָס זאָל עס מיך אַרען?

לעווין: דו הוסט דאָך.

רחל: אַ קליינער בראָנכיט.

לעווין: בראנביט — נאָ דיר גאָר. (אַ קורצע פויזע. ער רויכערט) נו — יאָ. (פויזע). יאָ, רחל, אַז דו זיצסט זיך דאָ אין דער בעקוועמער דירה, און טראַכסט זיך ווי סילעבט זיך אַנדערע, קומסטו נישט ווילענדיג צו דער איבערצייגונג, אַז אונז איז געלונגען. דאָס האט זיך אָבער נישט מיט איינמאָל איינגעגעבען. די געדענקסט ווען כיבין אַהערגעקומען און געזוכט אַ פּאָסטען אַלס רייזענדער, בוכהאַלטער, אָדער אַזוי עפּעס אַרבייט און כיהאָב גאָרנישט געפונען. ווער וואָלט עס געקאָנט דעמאָלט פאָראויס זאָגען. אַז כוועל דאָ זיצען, אין מיין אייגען הויז אין אַ גרויס צימער מיט עלעקטרישע בעלייכטונג, מיט וואַנעס און די איבריגע בעקוועמליכקייטען... נישט אמת?

רחל: יאָ...

לעווין: הייסט עס, אַז אין דער הינזיכט האָבען מיר זיך נישט צו בעקלאָגען, גאָר, רחל, מיר ווערען עלטער... געגען דעם קאָנסטו גאָרנישט טון... סיקומט אַ נייער דור, פרישע געשעפטען, און ווער ווייס וואָס סיוועט זיין. דו ווייסט דאָך, אַז פון ניי יאָהר אָן האָב איך צוגענומען מייערן אַלס פּערוואַלטער, און כיהאָב איהם דערלעגט צום געהאַלט. כיהאָב עס געטון כדי איהם מעהר צו צובינדען צום קאָנטאָר, אָבער זיין אַ פּערוואַלטער דאָס איז זיך נומער איינס, און האָבען פאַר זיך אַ אייגען געשעפט איז נומער צוויי. מיר האָבען זיך היינט פונאַנדערגערעדט און מיר ווייזט זיך אויס, אַז ער פּלאַנט עפּעס געוויסע אויסזיכטען אויף שפּעטער... ער איז אַ יונגער מענש און זעהר טעטיג, און ער... בענקט וועגען אַ חיים. האָב איך זיך בעקלערט צי איז נישט גלייך איהם צו צובינדען צו אונז און אין דער זעלבער צייט זיך צו איהם צו צובינדען... דאָס הייסט, שותפות... מיט איין וואָרט (איבעררייסענדיג) וואָס שווייגסטו?

רחל: וואָס זאָל איך זאָגען?

לעווין: שטענדיג האָסטו דאָך יאָ וואָס צו ריידען.

רחל: כיהאָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַדאָלף, אַז אין געשעפט פערשטעה איך גאָרנישט.

לעווין: געשעפט... געשעפט... די ווילסט דאָך זיין

פֿעריזאָרגט?

רחל: וועגען דעם טראַכטסטו?

לעווין: און, אַז איך וועל נישט זײַן און דו וועסט בלײַבען אײנע אַלײן.

רחל: דערווײַל, אַ דאַנק גאָט, לעבסטו.

לעווין: און, אַז כ׳וועל שטאַרבען?

רחל: בלײַבט דאָך מײַער בײַ אונז.

לעווין: יאָ, ווען ער זאָל בלײַבען.

רחל: מײַער?

לעווין: מײַער!

רחל: וואָס הײסט דאָס?

לעווין: דאָס הײסט, אַז... מײַער האָט בײַ מיר הײַנט געבעטען נסתּרים האַנד.

רחל: מײַער?

לעווין: יאָ, מײַער.

רחל: מײַער און אסתּר.

לעווין: יאָ... מײַער און אסתּר.

רחל: (שטעהט אויף) קײנמאָל נישט.

לעווין: (געהט אויפגערעגט איבערן צימער) וואָס הײסט דאָס, קײנמאָל נישט? ס׳קאָן זײַן, אַז אסתּר איז צו גוט פֿאַר מײַערן? אָבער כ׳ערקלער דאָך דיר, אַז אין מײַערים הענד וועט מײַן געלד געבען אַ גרעסערן פּראָצענט ווי ווען ס׳וואָלט געלעגען אויף 4 פּראָצענטיגע פּאַפּירען... אדרבא, פּרובּיר צו געפֿינען אַ בעסערן אײדעם ווי מײַער.

רחל: איך דאַרף נישט זוכען פֿאַר דיר קײן אײדעם.

לעווין: און איך האָב שוין געפֿונען.

רחל: מיר דאַרפֿען גאָרנישט זוכען פֿאַר אסתּרן קײן מאַן.

לעווין: און ווער האָט דיר געגעבען אַ מאַן?

רחל: דאָס איז געווען אַ גאָט׳ס זאַך.

לעווין: קאָנסט זיך דען אויף עפּעס בעקלאָגען?

רחל: נײן, כ׳האָב געלעבט ווי אַ פּרינצעסין.

לעווין: אַ שעהנע פּרינצעסין.

רחל: כ׳האָב שוין עפּעס ערגערס געזעהען. (פּויזע) אסתּר טאָר נישט נעמען קײן מאַן וואָס זאָל נישט פּאַסען צו איהר.

וואָס ביזטו אַ שדכן? נישט איך און נישט דו דאַרפֿען מיר זיך אַריינמישען. דאָס איז אסתרים אנגעלעגענהייט.

לעווין: און מייער?

רחל: דו אַליין מיט דיין מייערן...

לעווין: ער קאָן אַוועקגעהן.

רחל: מייער וועט נישט אַוועקגעהן.

לעווין: און אויב יאָ?

רחל: זאָל ער געהן. קאָן זיין, אַז דו ווילסט, אַז איך זאָל מיט איהם חתונה האָבען?

לעווין: ביטע, אויב ער וועט נאָר וועלען. (דער טעלעפאָן קלינגט, ער געהט ביז אַב צום שרייבטיש, רחל געהט אַרום איבערין צימער) יאָ—א. איך בין ביים טעלעפאָן... מיט וועמען האָב איך די עהרע?... (ליבליבער) גוט מאָרגען! ביטע, ביטע, וואָס ווינשט איהר? (נעמט אַ בויגען פּאַפּיר און פערשרייבט) 20, 000 אָבליגאַציעס 4% יאָ, יאָ, ווייטער... און 25, 000 דעפּאזיטען 4%. מיט פערגניגען, יאָ, מייער וועט מאָרגען זיין אויף דער בירזע. זייט רוהיג, פּדאַנק... ביטע... אויף ווידערזעהן! (הענגט אויף דאָס רעהרעל).

רחל: אַדאָלף, איך זאָג דיר, אַז מיר זאָלען זיך נישט אַריינמישען אין דער זאַך. אסתר וועט זיך אַליין אויסקלויבען.

לעווין: אַזוי... אַזוי... אַליין?

רחל: יאָ.

לעווין: און די עלטערן דאַרפֿען זיך נישט אַריינמישען?

רחל: ניין.

לעווין: גאָרנישט אַריינמישען זיך?

רחל: איבערהויפּט, אַז אסתר האָט זיך שוין אויסגעקליבען.

(פּויזע. רחל זעצט זיך)

לעווין: (דרעהט זיך פּאַמעליך אום צו איהר) אסתר האָט זיך שוין אויסגעקליבען? וואָס הייסט דאָס? אסתר טוט דאָס, אסתר טוט יענס, און איך ווייס גאָרנישט. איך זיץ מיר דאָ אין מיין שטול און פּלוצלינג געלדעסטו מיר, אַז אסתר האָט זיך שוין אויסגעקליבען אַ מאַן, וואָס איז דאָס פאַר'ן שפּאַס? (פּויזע) ווער איז ער? (זי שווייגט, פּויזע) דער

יונגער הירש?

רחל: ניין.

לעווין: דאָקטאָר קאָהן

רחל: ניין.

לעווין: נו, אויסער זיי קומט דאָך צו אונז קיינער נישט אַריין.

רחל: ער איז נאָך קיינמאָל ביי אונז נישט געווען.

לעווין: ווער איז ער?

רחל: דו קענסט איהם נישט.

לעווין: איך קען נישט אַ יונגען יוד, וואָס האט זיך פערליבט מיט מיין טאָכטער?

רחל: ער איז נישט קיין יוד.

לעווין: נישט קיין יוד... וואָס הייסט דאָס, ווער איז ער? איך פרעג דיך, ווער איז ער?

רחל: דאָקטאר הערמינג.

לעווין: (קוקט אויף איהר דערשראָקען, לעהנט זיך אָן אויפ׳ן צָק טיש און ברעכט אוים אין אַ הויך געלעכטער) הער־מינג...

רחל: אַדאָלף, אַדאָלף...

לעווין: (פערדעקט דאָס פנים מיט די הענד, נעמט דאָס פאַפּיר־מעסער און קלאַפּט דערמיט אין טיש. זיין געלעכטער קלינגט איבער׳ן גאַנצען צימער) הערמינג... הערמינג... כא... כא.. כא... (שטעהט אויף און װאַרפט אַוועק דאָס מעסער) קיינמאָל נישט... קיינמאָל נישט... מיין טאָכטער, מיין טאָכטער... פערליבט מיט איינעם פון די הערמינגים. ניין, קיינמאָל נישט... (געהט צו צו דער פרוי) וואו איז אסתר? רוף זי דאָ אַהער... הערסט? (רחל זיצט ווייטער. לעווין געהט צו צו דער לינקער טיר און רופט) אסתר... אסתר... (קעהרט זיך אום) איך פרעג, וואו איז אסתר?

רחל: אַוועקגעגאַנגען.

לעווין: (פערמאַכענדיג די טיר) קיינמאָל נישט... דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין. ווער מ׳זאָל נישט זיין, נאָר ער נישט... (געהט אַרום איבער׳ן צימער, שטעלט זיך אָב) איך האָב אַ סך געהערט און געזעהען אין מיין לעבען: שלעכטס, נידער־

טרעכטונקייט, יודענפרעסעריי... נאָר, אַז מיין אייגענע טאַטער זאָל זיך פּע־לאַבען מיט אַ אויסוואורף... מיט אַ אויסוואורפים — אַ זוהן, קיינמאָל נישט... (געהט וואַקלענדיג צו זיין טישעל און לאָזט זיך טרויריג אַראָב) איך בין 72 יאָהר אַלט, איך בעגריף זיך נישט מיט איהם, נישט אין גאַס, נישט אויף דער בירזע. איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט בעטייליגט אין אַ געשעפט, אין וועלכען ער וואָלט געווען פערמישט... אַז מ׳וואָלט געלייגט מיר טויזענדער, צעהנער טויזענדער דאָ אויפ׳ן טיש, וואָלט איך איהם קיינמאָל נישט אויסגעשטרעקט אפילו דאָס קלענסטע פינגעל, אַז דאָ געהערט מיין טאָכטער־חתונה האָבען מיט זיין זוהן... ווי אַזוי זאָל איך נישט לאַכען? איך דאַרף פאַלען אויף די קניה און דאַנקען גאָט... (לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, בעדעקט דאָס פנים מיט די הענד) אַז מיין פאָטער האָט זיך אָנגעהויבען טרינקען, האָט ער געבעטען הערמינגען, אַז ער זאָל איהם פּראָלאָנגירען זיין חוב, אָבער נייז, הי הערמינג האָט געלאָזט פּראָטעסטירען דעם וועקסעל און צוגעפיהרט צו מיין פאָטער׳ס אַרעסט. ער איז געווען בייא אונז אין שטוב, געגעסען און געטרונקען, און אַלץ — צום טייוועל... אַנטיסעמיט... איך האָב געהאַט אַ שול־קאָלעגע, אויך אַ הערמינג. מיר זענען געווען אויף „דו“, נאָר ווען כ׳בין געקומען צו איהם אָהן אַ פּרוטה פערשילדיגט אין חובות און געבעטען וועלכע ס׳איז אַרבייט, האָט ער מיך אויפגענומען אין זיין פּריוואַטפּול קאָנטאָר, נישט בעטענדיג מיך זיצען, גערעדט אויף „איהר“. „מיר דאַרפען נישט קיין יודען“ — האָט ער מיר געענטפערט, אויסדרעהענדיג זיך צו מיר מיטן רוקען און פערוויכערנדיג אַ פּאַפּיראָס — אַדיע... ווי אַזוי האָב איך איהם נישט דערהרג׳ט? איך האָב געצייטערט פאַר אויפרעגונג און בעשלאָסען בייא זיך: דעם דאָזיגען נאָמען וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען. דעם דאָזיגען נאָמען וויל איך קיינמאָל נישט קענען, און דאָס גאַנצע לעבען האָב איך איהם נישט געקענט... דאָס גאַנצע לעבען האָב איך זיך אין איהם נוקם געווען.

רחל: אָבער, אַ דאָלף.

לעווין: און מיין גאַנץ לעבען האָב איך דאָס געדענקט.

לעווין: און איצט, איצט? דו זיצסט זיך ווי סיוואָלט גאָר־ נישט געשעהען. האָסט מיר עפּעס דערצעהלט, אַז מיין טאָב־ טער האָט זיך פערלאָבט מיט אַ הערמינג. מיר זענען געוואָרען מחותנים. איז עס נישט פערדראָסיג? האַ? מאָרגען אויף דער בירזע וועל איך אָנקוקען דאָס אונטערטעניגע געזיכט. סיקאָן זיין, אַז ער וועט דערצעהלען אַלע באַנקירען, אַז ער האָט זיך משדך געווען מיט מיר, סיוועט אונז אפילו גראַטו־ לירען. פאַרוואָס גראַטולירט מען? איך וועל אפילו נישט קאָנען אבווענדען אָדער מאַ־ין זיך, אַז ביווייס פין גאָרנישט... זיי וועלען זיך איינאָרדנען אונטער אַ נייע פירמע „לעווין און הערמינג“. ווי אַזוי זאָל איך זיך נישט פרעהען? איך פּלאַץ פון געלעכטער... (לאָזט אראָב דעם קאָפּ אויף די הענד)

רחל: (געהט צו צו זיין שטול) אַדאָלף...

לעווין: אַך, יאָ... יאָ...

רחל: הער...

לעווין: לאָז מיך צו רוה... (פּויזע).

רחל: (שטעלט זיך נעבען זיין שטול) אַדאָלף, לאָמיר דאָס ריכטיג בעקלערען. דו מיינסט, אַז מיר איז עס אַנגענעהם, אָבער וואָס זאָל מען טון? הי יונגעלייט ווילען דאָס. מיר, די אַלטע, ווילען גאָר עפּעס אַנדערש, וואָס זאָל מען טון? זענען מיר דען נישט געווען יונג, און איינגעפונען, אַז די אַלטע זענען אומגערעכט? מיר האָבען זיך אַנדערש אויפ־ געפיהרט — דעמאָלט איז דאָך אָבער געווען אַ אַנדערע צייט. יאָ, די צייט ענדערט זיך, און מ׳קאָן זי נישט צוריק ציהען. גאָט איז מיין עדות, אַז ווען איך אויף אסתרים אָרט וואָלט געוואוסט וואָס פאַריע יסורים כיפערשאַף דיר, וואָלט איך זיך אָבגעזאָגט... אָבער וואס בין איך דאָ שולדיג.

לעווין: איצט ביזטו גאָרנישט שולדיג.

רחל: איצט? און פריהער?

לעווין: מ׳האָט נישט געדאַרפט פאַר מיר בעהאַלטען?

רחל: איך האָב גאָרנישט געוואוסט.

לעווין: האָסט נישט געוואוסט, אַז זי בעזוכט לעקציעס?

רחל: ווער בעזוכט עס איצט נישט קיין לעקציעס?

ל ע ו ו י ן: איינס פון ביידע: אָדער אסתר וועט זיך אָבזאָגען פון איהר חתן, אָדער זי זאָל די טינוט פערלאָזען מיין דויז...

ר ח ל: אַדאָלף...

ל ע ו ו י ן: (דרעהט זיך אום אין שטול צום שרייבטיש) אַרויס...

ר ח ל: קיינמאָל נישט... (ל ע ו ו י ן קוקט אויף איהר אונבע־וועגליך) איך בין נאָך דאָ, איך זאָג, אַז כ'בין נאָך דאָ ין שטוב... (ל ע ו ו י ן קוקט אויף איהר פערוואונדערט) און דאָרט וואו איך וועל זיין, וועט אויך אסתר זיין.

ל ע ו ו י ן: איהר זענט אַלע אַראָב פון זין... איך בין בעל־הבית ביי מיר אין שטוב...

ר ח ל: איז דען אסתר נישט מיין קינד?

ל ע ו ו י ן: וואָס פרעגסטו עס?

ר ח ל: יאָ.. יאָ.. דו פרעגסט ווער ס'איז בעל־הבית דאָ אין שטוב? און איך פרעג: איז דען אסתר נישט מיין קינד? דו ווילסט זי אַרויסוואַרפען אויפ'ן גאַס? נאַרישקייטען... אסתר מעג יאָ געפעלען, אָדער נישט, נאָר אַרויסוואַרפען זי פון דער היים... אַזוי לאַנג ווי איך בין דאָ... נאַרישקייטען. דו מיינסט, אַז איך טו איהר אַ טובה? אָבער צי וואָלט איך אויסגעקליבען זעהטינג'ן? דאָ האַנדעלט זיך דאָך אָבער נישט וועגען מיר און דיר, נאָר וועגען אונזער קינד, און אויב דו וועסט אפילו פאַר איהר פער־שליסען אַלע טירען, וועל איך געפינען אַ שליסעל זיי צו עפנען.

ל ע ו ו י ן: דאס וועלען מיר זעהען.

ר ח ל: מיר וועלען זעהען. אַדאָלף, זיי נישט קיין קינד... כ'פערשטעה, אַז דו האָסט געטראַכט וועגן אַ אַנדערן איידעם, איך אויך אַזוי... לאָז זיך דיך דאַכטען, אַז ס'האָט אונז געטראָפען אַ אומגליק, נאָך וועלכען מ'מוז זיך בערוהיגען. איך וואָלט מיינע לעצטע טעג אָוועקגעגעבען, אַז דאס זאָל נישט טרעפען, נאָר האט עס שוין געטראָפען, און דאס קינד, אונזער קינד, זעהט אין דעם איהר גליק...

ל ע ו ו י ן: גליק...

ר ח ל: יאָ, גליק — און מיר דאַרפֿען צושטימען.

ל ע ו ו י ן: דו — יא.

ר ח ל: און דו אויך.

ל ע ו ו י ן: קיינמאָל נישט...

ר ח ל: קאָנסט דען עפּעס ענדערן?

ל ע ו ו י ן: מיר וועלען זעהען.

ר ח ל: דו אַלץ מיט דיין „מיר וועלען זעהען", „מיר וועלען זעהען" — אפשר קאן לויט'ן געזעץ זיך פֿערלאָזען אָהן דיין צוזטימונג?

ל ע ו ו י ן: ווער רעדט וועגען געזעץ?

ר ח ל: איך פֿרעג נאר.

ל ע ו ו י ן: וואס בין איך דען אַ יוריסט?

ר ח ל: אַלזא, זי קאָן זיך פֿערלאָזען. טאָ וואס ווילסטו? אָנווענדען שטרענגע מיטלען? וועט זיך דען אפשר דעמאָלט יאָ אָבזאגען פֿון איהר בעשלוס? איך האב מיט איהר גערעדט, געבעטען, געוויינט... זי האט אָבער ניט געוואלט אָבטרעטען. דו רעדסט וועגען יענער צייט ווען מיר זענען יונגע געוועז. און דיין פֿאָטער איז געווען צופֿרידען פֿון אונזער שדוך? איך בין געווען אַ אָרים מיידעל, און איהר זענט דעמאָלט געווען רייך. אַלענפֿאַלס האט מען אַזוי געשמועסט. ס'קאָן זיין, אַז ווען דו וואָלסט חתונה געהאַט מיט אַ פֿריילין העכער, וואָלט מען זי אויך אָנגענומען.

ל ע ו ו י ן: האט מען דיך שלעכט אויפֿגענומען?

ר ח ל: דיין פֿאָטער האט מיר געזאָגט „זאָל דיר גאָט העלפֿען, מיין קינד, אויב ס'קאָן שוין אַנדערש נישט זיין".

ל ע ו ו י ן: דער פֿאטער וואלט נישט איינגעלעגען אין קבר, ווען ער וואלט געהערט וואס ס'קימט דאָ פֿאָר.

ר ח ל: אין קבר ליגען אַלע רוהיג.

ל ע ו ו י ן: דו ווינצעלסט זיך נאך.

ר ח ל: איין נאכט איז אַ עדות וויפֿיל טרעהרען איך האב פֿערגאָסען אין די לעצטע נעכט, ווען דו שלאָפֿסט, וואס וואָלט איך נישט געטון, כדי אַלץ אויסצובעסערן? אָבער וואס האבען מיר אַ חוץ די קינדער? צו וואס טויג אונז אַלץ: דאס געשעפֿט, געלד, הויז, אויב מיר וועלען נישט

האָבען די קינדער? די טראַכסט צו פֿאַרטרײַבען אמתר'ן, פֿאַרשטעהסטו דען אַליין נישט, אַז דאס איז אַ אונזין? וואָס וועט דיר דעמאָלט בלייבען? וואָס וועט מיט מיר זיין? מיר וועלען דאָ זיצען, מיר אַלטע, און דאָס קינד וועט דאָרט ערגעץ וואו זיין אַזוי אונגליקליך ווי מיר. יאָ, איך ליב מיינע קינדער — כ'האָב מעהר גאָרנישט אויסער זיי. וואו איך בין — דאָרט זענען זיי, וואס איך האָב — געהערט אייך זיי. געפֿעלט עס אונז, אָדער נישט — טראַכטען מיר אַזוי, אָדער גאָר פֿערקעהרט, איך וויל נאָר איינס וויסען: איך וויל זי האָבען נעבען זיך, האַלטען זי, זיין צוזאַמען מיט איהר. אַדאָלף, אַזוי לאַנג ווי מיר זענען צוזאַמען — וועט ווייס ווי לאַנג מיר וועלען נאָך... (מ'קלינגט, זיי קעהרען זיך אום, שטעהען אַ מעמענדע, דערנאָך געהט די אַלטע אַרויס. ס'הערען זיך די שטימען פֿון יאַקוב, הוגא און שרה.)

לעווין: (געהט אויפֿגערעגט אַרויף און אַראָב. מ'קלאַפּט אין טיר — ער שטעלט זיך פּלוצלונג אָב און בעהערשט זיך) אַריין!

4=טער אויפֿטריט.

לעווין, יאַקוב, הוגא, שרה.

יאַקוב: (קומט אריין) אַ גוט מאָרגען... (לאָזט אַריין שרה'לען, זי לויפֿט צו צו לעווינ'ן און זאָגט „גוט מאָרגען". לעווין בייגט זיך איין און קושט זי. נאָך יאַקוב'ן קומט אַריין הוגא און פֿערמאַכט די טיר. שרה'לע לויפֿט אויף ליינקס און שרייט „באַבעשי")

הוגא: אַ גוט מאָרגען, פּאַפּאַ...

לעווין: אַ גוט מאָרגען, מיין זוהן.

הוגא: וואָס מאַכסטו?

לעווין: אַ דאַנק.

יאַקוב: אַ דאַנקען גאָט... אַ שעהן וועטער. הוגא איז ביי מיר אָבגעשטעגען און מיר האָבען אַ ביסעל שפּאַצירט. וואס זאָל מען טון זונטאָג? דינה האָט אַ קאַטאַר (זעצט זיך ווי אנגענעהם דאָ איז... מיין קאַבינעט איז ניט אויף צען,

לעדערן מעבעל פאר 2700. כיהאב געפרובט ארײַנשטעלען אסאפע אזוי אדער אזוי, כיהאב איבערגעדרעהט די שטולען, נאר אזא אנגענעמליכקייט ווי דא קאן איך נישט דער־גרײַכען.

הוגא: און דו וועסט נישט דערגרײַכען.

יאקוב: איך פרעג דיך נישט... דו האסט דען ערפונדען די אנגענעמליכקייט?

הוגא: נײַן.

לעווין: (געהט אויף און אב, פלוצלונג שטעלט ער זיך אב) איהר האט שוין געענדיגט? קאן איך איצט עפעס רײדען? א דאנק. (צו יאקובין) אז דו וואלסט געוואוסט וואס סיקומט דא בײַ אונז פאר, וואלסטו זיך נישט געלעגען אזוי רוהיג און גערעדט וועגען זאפעס... (זעצט זיך און לאזט אראב דעם קאפ)

הוגא: (לויפען צו) פאפא, וואס איז דען?
יאקוב: (איהם צו) גאט מײַנער, וואס איז דא געשעהען?

לעווין: (הויבט אויף דעם קאפ און קוקט אויף זיי) אסתר האט זיך פערלאבט מיט א קריסט.

הוגא: אסתר?

יאקוב: מיט וועמען?

לעווין: מיטין הערר הערמינג, מיטין געהיימראטס־זוהן... (געהט ווידער ארום)

יאקוב: מיטין געהיימראטס־זוהן... זי איז אראב פון זין...

הוגא: יאקוב, שווײַג...

יאקוב: דאס איז אונמעגליך...

5־טער אויפטריט.

די פריהעריגע, רחל.

רחל: (קומט שנעל אריין פון לינקס) זיי זענען געקומען, כיהאב זיי געזעהען דורכין פענסטער...

לעווין: ווער?

ר ח ל : אסתר מיט איהר חתן.

ל ע װ י ן : גײה איך אװעק (געהט צו דער טיר).

ר ח ל : אדאָלף...

י א ק ו ב : זעלבסטפערשטענדליך, אז דער פאפא מוז אװעק־געהן.

ה ו נ א : זעלבסטפערשטענדליך, אז דער פאפא דארף ניט אװעקגעהן... (ל ע װ י ן שטעלט זיך אָב) דאָס װאס ס'האָט פאסירט, קאָן זיין זעהר טרויריג, נאָר די פעריאָן, װעלכע קומט איצט דאָ אריין, האָט דאך אונז קיין שלעכטס ניט געטהון. ער קומט צו אונז אלס גאסט, און האט דאס רעכט צו האָפען אויף אונזער גאסט־פריינדליכקייט.

ל ע װ י ן : אפשר דארפען מיר איהם נאָר דאנקען פארין כבוד, װארפען זיך איהם אויפ'ן האלז?

י א ק ו ב : יאָ, אפשר זיך װארפען איהם אויפ'ן האלז?

ר ח ל : יאקוב, זיי שטיל.

ה ו נ א : קיינער דארף זיך איהם ניט װארפען אויפ'ן האלז, איהר דארפט נאָר דאָ בלייבען, אסתרין צוליב... צוליב זיך אליין... דער גאסט דארף ניט אװעקגעהן און ארויס־טראָגען װעגען אונז א שלעכטע מיינונג. איך בלייב... דו, יאקוב, װעסט דאָך אויך בלייבען? מיר זענען דאָך אסתרס ברידער... און דו, פאפא, דארפסט אויך...

(מ'הערט א קלינג)

ל ע װ י ן : (געהט צו צו דער לינקער טיר)

ר ח ל : אדאָלף, דו הערסט?

ל ע װ י ן : דו זעהסט דאך, אז איך הער.

ה ו נ א : פאפא, דו דארפסט ניט אװעקגעהן. דו ביזט א ערצויגענער מענש, און נאָר אינערצויגענע מענשען קאָנען זיך אזוי אויפפיהרען.

ל ע װ י ן : בלייבט עס, אז איך געהער צו זיי! (אָב אין דער לינקער טיר)

(אלע שטעהען שװייגענדיג און קוקען אויף דער איינגאנג־טיר.

ס'קומען אריין ד אָ ק ט א ר י ע ר מ ע ן ה ע ר מ י נ ג, נאָך איהם א ס ת ר).

6=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע (אהן לעווין). **יערמען אסתר.**

אסתר: מיין חתן... מיין כוטער...

יערמען: (געהט צו נענטער און דריקט שווייגענדיג דער אלטער'ס האנד)

אסתר: מיין ברודער הונא.

הונא: (געהט צו און דריקט יערמענ'ן די האנד)

אסתר: מיין ברודער יאקוב.

יאקוב: (פערנייגט זיך שווייגענדיג פון זיין ארט)

(פויזע)

רחל: ביטע, זיצט.

יערמען: כידאנק.

(אלע זעצען זיך. אויסער **יאקוב'ן**, וועלכער שטעהט ביים שרייבטיש און מאכט זיך קוקען אויף די פאפירען. מאמענטענווייזווארפט ער א ביזען בליק אויף הונא'ן).

יערמען: איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, מאדאם לעווין, איך האב נאך נעכטען געוואלט קומען, נאר נעכטען איז געווען שבת און אסתר האט געזאגט, אז ס'איז נישט בעקוועם. היינט אבער איז זונטאג – א אלגעמיינער יום-טוב, אזוי צו זאגען, א טאג פון רוהה...

רחל: יא, א טאג פון רוהה.

הונא: צום בעדויערן האט פאפא געמוזט אוועקגעהן אויף א וויכטיגע זיצונג. איהר וועט דאך אונז דערפאר ענטשולדיגען?

יערמען: ס'מאכט נישט אויס. (פויזע. **אסתר** געהט נערוועז צו צום פענסטער, **יערמען** קוקט זיך ארום, **יאקוב** קוקט איהם נאך) ווי אנגענעהם דא איז... אסתר פלעגט מיר אזוי אפט דערצעהלען פון אייער היים. איך בין נאך קיינמאל נישט געווען אין קיין יודיש הויז... ד. ה. ביי יודען, אייגענטליך, בין איך געווען, נאר...

יאקוב: (פלוצלונג) נישט אמת, א יוד צו א יוד איז נישט גלייך?

א ס ת ר: (וואַרפֿט אויף איהם אַ בייזען בליק און געהט אַוועק פֿון פֿענסטער)

י ע ר מ ע ן: (קורץ) פֿערשטעהט זיך.

ר ח ל: דעם אמת געזאָגט, זעה איך נישט קיין שום אונטער־שיד — כיטוין, און מעבעל. כ׳־עֶבען, אַז ביי אונז איז אַזוי ווי ביי אַנדערע... ס׳קאָן זיין, אַז ס׳איז ביי אונז אַבּיסעל נישט מאָדערן, נאָר איהר מוזט געווים מיינען אַ אונטערשיד און...

ה ו נ א: און מטוּל.

י ע ר מ ע ן: ריכטיג.

ר ח ל: קאָן זיין... (פויזע. אַלע קוקען זיך אַרום, אויסער א ס ת ר, וואָס איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, און קוקט אויף אַלעמען בייז. פלוצלונג קעהרט זי זיך אום און צובּרעכט אַ גלאָז. די אַלטע שפרונגט אויף) וואָס איז?

א ס ת ר: גאָרנישט. (הייבט זיך אויף)

ר ח ל: הערמינג, איהר וועט טרינקען אַ גלאָז וויין?

י ע ר מ ע ן: כ׳דאַנק.

א ס ת ר: כ׳ברענג שוין אַריין.

ר ח ל: ניין, לאָז אָב, איך אַליין... (אָב אין דער טיר פֿון הינטערגרונד)

7=טער אויפֿטריט.

די פֿריהערדיגע, (אָהן רחל).

י ע ר מ ע ן: (צו יאַקובין) איך האָב, דאַכט זיך, אייך געטראָפֿען און גאַס, הי לעווין?

י א ק ו ב: (קורץ) קאָן זיין.

(פויזע. איינער קוקט אויפ׳ן אַנדערן)

ה ו נ א: דאַכט זיך, אַז איהר לעזט וועגען דער געשיכטע פֿון דער קולטור?

י ע ר מ ע ן: איך לעז איצט אַ לעקציע וועגען דער יודישער ליטעראַטור פֿון מיימוני בּיז מענדעלזאָהנען.

י א ק ו ב: (קעהרט זיך ליבליך אום)

ירמען: די היסטאָריע פון יודישען פאָלק האָט מיך שטענדיג אינטערעסירט. (שמייכלענדיג) און דער דאָזיגער אינטערעס האָט זיך איצט נאָך פערשטאַרקט אַדאַנק דער בעקאַנטשאַפט מיט אסתר׳ן. (דריקט איהר האַנד, זי דרעהט זיך צו איהם אויס מיטין רוקען) די גלויבסט עס נישט, אסתר?

אסתר: איך האָב גאָרנישט געהערט. (געהט צו איהם צו. אין דעם מאָמענט קומט רחל אַריין מיט פערבייסען און פלעשלעך, נאָך איהר שרה׳לע.)

8-טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, רחל, שרה׳לע.

רחל: בעגריס זיך מיטין פעטער..

שרה: (גיט ירמען׳ן די האַנד)

רחל: די רעכטע האַנד... פערניי זיך..

שרה: (מאַכט אַ רעווערענס)

ירמען: ווי רופט מען דיך, מיין קינד?

שרה: (בעהאַלט זיך הינטער דער באָבע׳ן)

יאקוב: ווי הייסטו?

שרה: שרה.

ירמען: שרה... וואָס פאַר אַ טייער קינד... (צו שרה׳ן) איך האָב ליב אַזעלכע מיידעלעך ווי דו (צו הוגא׳ן) דאָס איז איינערע?

הוגא: ניין, צום בעדויערן.

יאקוב: דאָס איז מיינס, די עלטסטע, כ׳האָב נאָך. (שלע־לאַכען)

רחל: ביטע... (אַלע נעמען גלעזלעך) אויף אייער געזונד.

ירמען: אַדאַנק.

שרה: איך מעג אָנקלאַפען?

ירמען: יאָ, קינד. ווילסט אָנקלאַפען מיט מיר? (קלאַפען אָן) ווילסט מיר געבען אַ קוש?

שרה: יאָ.

(ער הויבט זי אויף. אין מאָמענט ווען, אויפ׳ן אַרגעמיינעם גע־לעכטער, ריהרט דאָס קינד אָן זיינע ליפּען, עפענט זיך די טיר פון לינקס און לעווין קומט אַריין, אָנגעטון אין פראַק. אַ שטיל־שווייגען).

9־טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, לעווין.

הונא: הערר הערמאַנג — אסתרים חתן... מיין פּאַפּאַ...
(בעגריסען זיך, אַלע בלייבען שטעהן)

רחל: מיר האָבען געמיינט, אַז דו ביזט נישט אין דער היים.

לעווין: נישט אין דער היים?

הונא: יאָ, מיר האָבען אַזוי גערעכענט.

לעווין: ווען ס׳קומט צו מיר אַ גאַסט?! איך בין אַ ערצוויגענער מענש...

רחל: אַנגעטאָן דיר ווייס, אַדאָלף?

לעווין: איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, נאָר איך טרינק נישט...
(פּויזע. מיט אַ לייכטע האַנד־בעוועגונג) פאַרוואָס זעצט איהר זיך נישט? (אַלע זעצען זיך)

יערמען: כ׳האָף, אַז כ׳האָב אייך נישט געשטערט?

לעווין: זונטאַג שטערען?

יערמען: כ׳מיין וועגען דער זיצונג.

לעווין: וועגען וועלכער זיצונג?

הונא: וועגען דער זיצונג פון וועלכער דו ביזט געקומען.

לעווין: אַך, יאָ, ריכטיג. ניין, נישט געשטערט. (קורצע פּויזע) איהר לעזט לעקציעס וועגען קולטור?

יאַקוב: הערר הערמאַנג האָט דאָ דערצעהלט, אַז ער לעזט לעקציעס וועגען דער קולטור פון יודישען פאָלק. נישט אמת, דאָס איז אינטערעסאַנט.

לעווין: זעהר אינטערעסאַנט. ערלויבט מיר צו וויסען ווי אַלט איהר זענט.

יערמען: 30.

לעווין: איהר קענט געוויס מיין זוהן —, ער איז א דאָקטאָר.

הוגא: העֶרר הערמינג איז דאָקטאר=פילאָזאָפיע און פּריוואַט־דאָצענט אין אוניווערזיטעט.

לעווין: א געלעהרטער, הייסט עס?

יערמען: אויף וויפיל מיינע פעהיגקייטען ערלויבען עס.

לעווין: מיט דער צייט וועט איהר ווערען א פּראָפעסאָר?

יערמען: כ׳האָף.

לעווין: יאָ, יאָ. (קוקט אויף איהם) אַזוי ווי איהר אינטערעסירט זיך מיט יודישער היסטאָריע, וואָלט איהר אפשר געבען א קוק אויף די בילדער? דאָס זענען מיינע פערשטאָרבענע עלטערן.

יערמען: זעהר אינטערעסאַנטע געזיכטס=צוגען.

לעווין: איהר מיינט?

יערמען: אסתר, דו ביזט ענהליך צו דיין באָבע׳ן.

אסתר: דו לאַכסט?...

רחל: אמת, ע׳שט איצט זעה איך עס.

יאקוב: אמת, ענהליך.

לעווין: זי קאָן דערמיט צופרידען זיין.

יערמען: העֶרר לעווין, אייער פאָטער איז געוויס אויך געוועזן א קאָמערסאַנט? ער זעהט אוים ווי א סאָלידער סוחר פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט.

לעווין: מיין פאָטער איז געוועזן סוחר אין גאָרזענס.

יערמען: גאָרזענס? מיר זענען אויך פון דאָרטען. איהר קענט אפשר אונזער פאַמיליע?

לעווין: אַביסעל, יאָ.

יערמען: דאָס איז אינטערעסאַנט... (קוקט זיך אַרום צופרידען אַלע שווייגען).

רחל: נאָך א גלאָז?

יערמען: ניין, כ׳דאַנק. (זוכט מיט די אויגען אסתר׳ן. אין פערלויף פון שמועס געהט זי צו צום פענסטער. אַלע זיצען מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ, שווייגען. יערמען שטעלט זיך פּאמעליך אויף.) ענטשולדיגט, נאָר כ׳מוז שוין... (אַלע שטעלען זיך אויך אויף)

רחל: איהר מוזט אויסטרינקען אייער וויין.

יערמען: כ'דאנק. (נעמט זיין גלאז. הוגא, יאקוב און די אלטע נעמען זייערע גלעזער) כ'דאנק פאר דער אויפנאמע. נאטירליך רעדען איך נישט, אז איהר זאלט מיך האבען דערקענט באלד פון ערשטען מאל. איך האב נאר געוואלט, אזוי געזאגט, זיך וויזען. אבער איך האף, אז מיר וועלען נעהנטער ווערען איינער צום אנדערן, פון וואס כ'וועל זיין זעהר צופרידען.

לעווין: זעהר אנגענעם. (אלע טרינקען. שרה'לע זופט פון רחל'ס גלאז. יערמען געזעגענט זיך)

אסתר: איך וועל דיך בעגלייטען.

יערמען: כ'דאנק. (גיט לעווינ'ן די האנד) אדיע, הערר לעווין.

לעווין: אדיע, הערר הערמינג.

יערמען: אדיע, מאדאם לעווין.

רחל: אדיע, א דאנק פאר'ן בעזוך.

יערמען: (צו יאקוב'ן) אויף ווידערזעהן.

יאקוב: אייער בעקאנטשאפט איז מיר זעהר אנגענעם.

יערמען: (צו הוגא'ן) צום ווידערזעהן...

הוגא: צום ווידערזעהן.

יערמען: (וויל געהן)

שרה: (לויפט איהם נאך) אדיע.

יערמען: אויף ווידערזעהן, שרה... מיר בלייבען זיך פריינד?

שרה: יא. (אלע לאכען, זי בעהאלט זיך ביי רחל'ן)

(אסתר און יערמען געהען ארויס. שווייגען. אלע בלייבען אויף זייערע ערטער)

10-טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, אהן אסתר און יערמען.

יאקוב: נו?.. (שווייגען) א זעהר ליבליכער מענש. (שווייגען)

הוגא: (גיט איהם א צייכען, אז ער זאל שווייגען)

לעווין: (קוקט אויפ'ן זייגער, הויבט זיך פלוצלונג אויף, געהט צו צום שרייבטיש, נעמט ארויס פון שופלאד א בוך געבונדען אין געלד, און געהט צו דער איינגאנג־טיר)

רחל: דו געהסט אוועק?

לעווין: יא.

רחל: וואוהין?

לעווין: אין סינאגאגע.

רחל: (שטיל צו די זיהן) בעגלייט דעם פאטער

הוגא: פאפא, איך געה מיט דיר.

לעווין: דו?

יאקוב: איך אויך.

רחל: טא זאל שרה'לע דא בלייבען ביז איהר וועט צוריקקומען.

לעווין: (געהט ארויס אין קארידאר)

יאקוב: מאמא, וואס זאגסטו?

רחל: וואס זאל איך זאגען?

הוגא: ווי איז דיין מיינונג?

רחל: ס'איז גאנץ ווייניג וואס איך טראכט.

יאקוב: ער האט געקושט דאס קינד, אט דאס געפעלט מיר!

לעווין: (אין טיר, אנגעטהון דעם פאלטא) איהר געהט?

יאקוב: יא, יא. (קושט די מוטער) אדיע, מאמא.

הוגא: (דאס זעלבע) אדיע.

רחל: (בעגלייט זיי ביז צו דער טיר, האלטענדיג שרה'לען פאר'ן האנד, שאקעלט מיט'ן קאפ. דערנאך זעצט זי זיך אויף א שטול נעבען טיר און צודריקענדיג צו זיך דאס קינד, זאגט זי:) אזוי איז עס... מיין טייער, ליב שרה'לע...

פארהאנג

דריטער אקט.

געהיימראט הערמינג'ס רייכער קאבינעט.

אין מיטען צימער, אין א וואנט-מצענע א טיש, א סאפע און לע-דערנע שטולען, פארנט, לינקס א גרויסער אמעריקאנער טיש פון רויט האלץ און א באנק, רעכטס א רויכער-טישעל און קליינע שטולען, ביי דער לינקער וואנד א שאנק פאר סיגארען און ליקער. טיף הינטען א דאפעל גלאז-טיר, פערהאנגען מיט פארטיערען. אז מ'עפענט די טיר, זעהט מען דאס עס-צימער.

אווענד. די עלעקטריע ברענט. שפיגעלער און קליינע לעמפעלעך זענען צושטעלט אויפ'ן שרייב און רויכער-טישעל.

ביים אויפהייבען דעם פערהאנג סארווירט די דינסט דעם טיש צום קאווע.

אויפ'ן טיש: א פיראמידע, גלעזלעך, טעלער א. ד. ג.

אביסעל שפעטער ברענגט אריין דער לאקיי, אין א ליווריע, קאווע, צוקער און פלוימען.

1=טער אויפטריט.

די דינסט, לאקיי.

דינסט: יעמסען, שטעלט דאָ אַהער די פּיראַמידע.

לאקיי: (שטעלט זי אויפ'ן שרייב=טיש)

דינסט: און ניט אַקוק אויב זיי וועלען באַלד אָבעסען מיטאָג.

לאקיי: (עפענט די פּארטיער און קוקט אַריין אין דער גלעזערנער טיר) מינוט שוין דעם קאָמפּאָט. (דרעהט זיך אום) מ'קאָן נישט זאָגען, שעהנע געסט צום מיטאָג.

דינסט: (שטיל) יאָ, שוין אַזוינע געסט. דער הערר האָט געמיינט, אַז ס'איז נאַרישקייטען, ס'וועט אַריבער, נאָר אויב מ'האָט שוין פֿערבעטען די אַלטע, איז שוין די זאַך ערנסט,. און ס'איז זיי קיינעם נישט וואויל. (ס'הערט זיך אַ גערויש פון אָבגערוקטע שולען און אַ געשפרעך)

לאקיי: שש... מגעהט...

דינסט: יענסען, רוימט צו די פּיראמידע...

לאקיי: (געהט שנעל צו צום שרייבטיש און שטעלט זיך אַוועק גלייך)

דינסט: (פאָרעט זיך אַרום טיש)

2=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, אסתר, הערמינג, (באַלד דערנאָך) לעווין, און רחל.

אסתר: (קומט שנעל אריין, אויפלאָזענדיג הינטער זיך די טיר, געהט שנעל און נערוועז צו צום טיש) אַדאַנק... כ'בין אַליין.

דינסט: (געהט אָב לינקס, וואַרפט זיך איבער מיט אַ וואונק מיט'ן לאקיי)

הערמינג: (קומט אַריין, געהט צו צום רויכער-טישעל) איצט וועלען מיר אויסרויכערן אַ סיגאַר און טרינקען אַטאַס קאַווע. (צום לאקיי) דער-לאַנג, (צו אסתר'ן) גיב מיר אָן, טייערע,

קאַווע, צוויי שטיקלעך... בּדאַנק... (ביים טישעל) מירין זעהען וואָס פאַ־ע בּינאַרען מיר האָבּען, (זוכט)

(די לעווינ׳ס קומען אַריין, זיי האַלטען זיך איינער נעבּען אַנדערן, אַבּיסעל איבּערראַשט פון מיטאג. ער אין פראַק, זי אין אַ שוואַרץ זיידען קלייד מיט אַ רידיקול אין האַנד. זיי קוקען זיך אַרום מיט בּעוואונדערונג און איראָניע. ווען אסתר גערט צו זיי צו מיט׳ן קאַווע, שטעלען זיי זיך אָבּ. דער לאַקיי שטעהט אונבּעוועגליך)

לעווין: (נייגענדיג מיט׳ן קאָפּ, צום לאַקיי) אַ גוטען אָווענד...

(דער לאַקיי שטעהט אונבּעוועגליך, לעווין ווייזט אויף איהם צו מיט די אויגען צו זיין פרוי. נעמט צוקער) גיבּ נאָר אַ קוק אויף איהם.

אסתר: פּאַפּאַ, דאָ איז אַ צווענגעל.

לעווין: אַדאַנק, איך האָבּ אַ אייגען צווענגעל (נעמט נאָך אַ שטיקעל.)

אסתר: מאַמאַ, גיבּ מיר דיין האַנד־אַרבּייט.

רחל: דאָס איז מיין אייגענע אַרבּייט.

אסתר: מאַמאַ, נעהמט דען דאָ אַרבּייטען?

רחל: מ׳טאָר דען נישט?

הערמינג: נו... זעצט זיך אויפ׳ן סאָפע און מאַכט אייך בּעקוועם...

אסתר: (געהט צו צום טיש, מאַכט אַלץ אין אָרדנונג)

הערמינג: (שטעלט אויפ׳ן טיש אַ קעסטעל מיט סיגאַרען)

לעווין און רחל: (געהען צו מיט זייערע טאַסען קאַווע צו דער סאָפע און זעצען זיך)

3־טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, (אָהן דער דינסט) פרוי הערמינג, יערמען.

פרוי הערמינג: (קומט אַריין, אָנהאַלטענדיג בּיים האַנד איהר זוהן, זי זעהט קרענקליך אויס)

אסתר: (געהט צו און העלפט איהר)

פרוי הערמינג: אַדאַנק, אַדאַנק, טײַערע.

אסתר: (גיט אַצייכען דעם לאַקיי, אַז ער זאָל אָנגיסען קאַווע.)

פרוי הערמינג: ניין, ניין, אַדאַנק, מײַן קינד. דער פּראָפּעסאָר האָט מיר אַלס אויסנאַם ערלויבט צו זיצען הײַנט ביז 9 אין אָווענד. איך טאָר אָבער גאָרנישט עסען, אויסער לײַכטע שפּײַזען, און קיין קאַווע טאָר איך אין מויל נישט נעמען.

הערמינג: וואָס רויכערט איהר, לעווין?

לעווין: וואָס טיגיט, הי געהיימראַט.

הערמינג: די איז זעהר אַלײַכטע סיגאַר. די איז די בעסטע, און די איז די טײַערסטע.

לעווין: וועל איך נעמען די טײַערסטע. (נעמט אַסיגאַר).

הערמינג: (צינדט אָן אַשוועבעלע, גיט איהם צו פעררויכערן און רויכערט אַליין)

אסתר: (געהט צו צו הערמינג'ן און דערלאַנגט איהם אַטאַס קאַווע)

יערמען: דו ביזט צופרידען, אסתר?

אסתר: פאַ־וואָס זאָל איך נישט זײַן צופרידען?

יערמען: וואָס הײַסט, פאַרוואָס?

אסתר: (געהט פון איהם אַוועק)

יערמען (קוקט איהר נאָך, דערנאָך ווענדעט ער זיך צום לאקיי, אַז ער זאל איהר אנגיסען קאַווע)

אסתר: (לאָזט אראָב די פּיראמידע)

פרוי הערמינג: אַך, אסתר...

רחל: (קוקט דורך די ברילען אויף אסתר'ן)

הערמינג: (געהט צו צום שענקער, בעקוקט און נעמט ארויס ליקער און קערשען־זאַפט, גיט דעם לאַקיי אַ צייכען צום אבגעהן, געהט צו צו לעווינ'ן און לעגט איהם פאָר) קיראַסאַ... ראָם... קאַקאַ?

לעווין: גיסט אײַך אַליין איין, ליבער הערר געהיימראַט. (אַלע לאַכען אויסער אסתר'ן, וועלכע האָט זיך געזעצט אָן אַזייט)

הערמינג: אײַך, פרוי לעווין?

רחל: זאָל גאָט היטען.

הערמינג: אַ קליין גלעזעל מוזט איהר אויסטרינקען.

רחל: נאָר צוויי טראָפּען זיסען... א דאַנק... אוי, ווען נישט מיין בראָנבייט...

לעווין: (שאָקעלט בייז מיט'ן קאָפּ) בראָנביט...

פרוי הערמינג: אַך, דער ב־אנביט. (ביידע הוסטען שטיל און זאָגען: „אַך", „אוי". קורצע פויזע)

רחל: וואָס פאַר אַ בעקוועמע וואוינונג איהר האָט.

פרוי הערמינג: יאָ.

רחל: ווי גרויס איז אייער עס־צימער?

פרוי הערמינג: 12 אויף 12 1/2.

רחל: כסם... (פערוואונדערט) דו הערסט, אדאָלף?!

לעווין: יאָ, כיהער. (פויזע)

הערמינג: לעווין, איהר אינטערעסירט זיך מיט בילדער?... גיט אקוק...

פרוי הערמינג: הערמינג, לאָז צו רוה.

הערמינג: טע... טע... נאַרישקייטען. (הויבט אויף די לאָמפּ) ווי געפעלט אייך דאָס בילד?

לעווין: זעהר שעהן.

הערמינג: און איהר, פרוי לעווין, ווילט גאָרנישט אַ קוק טון?

פרוי הערמינג: בילדער... בילדער...

רחל: (געהט צו נעהנטער) דאָס איז דאָך אַ הויף פון בהמות.

הערמינג: דאס איז זעהר טייער — 7000 קראָן, מיין ליבע פרוי לעווין. גאָטעניו!

הערמינג: גיט דא אקוק, לעווין. (געהט לינקס, לעווין נאָך איהם) א בילד פון ים, הא? (אנווייזענדיג) מאַרשטראָם — די סודות פון דער נאַכט, דער ערשטער עסקיז.

לעווין: (בעקוקט דאָס בילד און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ)

אסתר: (געהט צו צו יערמען'ן, שטיל) לאָמיר אַריינגעהן אין דיין צימער.

יערמען: אסתר, ס'איז נישט שעהן אַזוי אַקעגזוגעהן.

הערמינג: שוין, ווינג געשטאָרבען.

רחל: (מיטפיהלענדיג) אַך ...

יערמען: וואָס איז דיר, אסתר?

אסתר: קום.

יערמען: אָבער זאָג, וואָס איז דיר?

אסתר: איך פיהל זיך אַזוי ... אַזוי ...

יערמען: וואָס?

אסתר: אַך ... (געהט פון איהם אַוועק)

יערמען: (געהט צו צו דער מוטער)

הערמינג: רעה, אויך יונג געשטאָרבען.

לעווין און רחל: (צוזאַמען, מיטפיהלענדיג) אַרימער ...

יערמען: מאַמא, איך געה מיט אסתרין אַ־ביסעל אויף איין מינוט אין מיין צימער.

הערמינג: יאָ, קינדער, געהט, געהט ... פלאַך.

פרוי הערמינג: נאָר קומט צוריק באַלד, איך געה באַלד שלאָפען

(יערמען און אסתר נעמען ארויסגעהן)

רחל: (נעמט אָן אסתרין פאַר׳ן האַנד) בלייב דאָ מיט מיר, מיין קינד.

אסתר: נאָר אויף איין מינוט, מאַמא.

רחל: ווי גוט ס׳איז איצט אין דער היים.

אסתר: טאָ פאַרוואָס זענט איהר געקומען?

יערמען: (שטעלט זיך אין דער טיר)

אסתר: כ׳געה שוין. (לויפט צו איהם, נייגענדיג זיך צו די אַלטע)

רחל: (קוקט אויף איהר און געהט צו צום סאָפע)

4=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, (אָהן) יערמען און אסתר.

פרוי הערמינג: קום דאָ אַהער, ליבע פרוי לעווין.

הערמינג: (אומדרעהענדיג זיך) אָ.. איצט... זיצט לעווין.. מיר׳ן פערמאַכען די טיר און אַביסעל פלודערן וועגען

אונזערע קינדער.

ל ע ו ו י ן: (זעצט זיך נעבען דער אלטער, וועלכע נעמט זיך צו דער ארבייט. ער רויכערט א סיגאר, ארויסלאזענדיג דעם רויך)

ר ח ל: (קוקט אביסעל דערשראקען איבער די ברילען)

ה ע ר מ י נ ג: (פערמאכט די טיר, געהט צו צו לעווינ'ן) איהר ווילט אביסעל קעז־שניט־זאפט?

ל ע ו ו י ן: ניין, בידאנק.

ה ע ר מ י נ ג: איהר וועט דאך ערלויבען

ל ע ו ו י ן: ביטע.

ה ע ר מ י נ ג: (גיסט זיך איין א גלעזעל קערשען־זאפט מיט סאדא־וואסער, זעצט זיך) יא, איהר זעהט דאך, לעווין, מיין זוהן איז זעהר אינפראקטיש און דעריבער לעג איך פאר — אויב איהר האט גארנישט געגען דעם — צוליב דעם וואס איהר און אייער פרוי האבען מיך בעעהרט... לעג איך פאר צו רעדען וועגען דעם וואס ס'איז נויטיג. פאר ביידע צדדים איז גלייכער אלץ קלאר צו מאכען ביז צו דער חתונה, אזוי ווי ס'איז שוין דערצו געקומען. איך געפין, אז מיר, פראקטישע מענשען, קאנען איצט אלץ בעשליסען און נישט פערציהען אין דער לאנגער באנק אריין. ווי איז אייער מיינונג, לעווין?

ל ע ו ו י ן: און וואס זאגט איהר, הערר געהיימראט?

ה ע ר מ י נ ג: אלזא, אזוי געזאגט, איהר זענט א פערמעגליכער מענש.

ל ע ו ו י ן: מיזאגט. מילא, וואס מיזאגט...

ה ע ר מ י נ ג: דאס מאל בין איך אבער זיכער, אז מיזאגט דעם אמת.

ל ע ו ו י ן: איך קאן אייך נישט פערהוערען צו גלויבען...

ה ע ר מ י נ ג: ריכטיג... אבער זאגט, וואס טראכט איהר, צום ביישפיל, וועגען נדן?

ל ע ו ו י ן: נדן... איהר ווייסט וואס פאר'ן נדן איך האב בעקומען פון מיין פרוי?

ה ע ר מ י נ ג: ניין...

ל ע ו ו י ן: איך האב גארנישט בעקומען.

ר ח ל: מיר האָבען געהאַט 14 קינדער.

ה ע ר מ י נ ג: זאָל גאָט היטען!

פ ר ו י ה ע ר מ י נ ג: (צוזאַמען) גרויסער גאָט!

ר ח ל: פיר זענען געשטאָרבען.

פ ר ו י ה ע ר מ י נ ג: ביי מיר זענען אויך דריי געשטאָרבען, פרוי לעווין...

ה ע ר מ י נ ג: יאָ, יאָ, טהייערע פריינד, איצט איז דאָך אָבער אַ אַנדערע צייט. ניט איהר פרוי האָט חתונה, און ניט מיר האָבען 14 קינדער. און כאָטש איך קען ניט איהר לאַגע, פונדעסטוועגען זאָג איך אויף אייך אָהן ריזיק 200 טויזענד.

ל ע ו ו י ן: (אויפהייבענדיג די האַנד) איהר ווילט מיך קויפען פאַר 200 טויזענד?

ה ע ר מ י נ ג: (אַננעמענדיג זיין האַנד) איך וועל בעשטימען 300 טויזענד און... כיבין זיכער, אַז ס'איז געמאַכט געוואָרען אַ גוט געשעפט.

ל ע ו ו י ן: (אוועקנעמענדיג די האַנד) נאַרישקייטען...

ר ח ל: אָבער, אַדאָלף...

ל ע ו ו י ן: (געהט אויפגערעגט ארום איבער'ן צימער) איהר האָט דען געצעהלט מיין געלד, וואָס? איך וועל מיין טאָכטער געבען אַזאַ נדן, פאַר וועלכען זי וועט זיך ניט דאַרפען שעהמען. מ'וועט זי בעקליידען פון קאָפּ ביז פוס, נאָר אויב איהר מיינט, אַז אייער זוהן האָט זיך פערבונדען מיט אַ פרינצעסין פון טראַפּעזונד, דאַרף איך אייך, צום בעדויערן, ארויספיהרען פון דעם טעות.

ר ח ל: אַדאָלף, רעג זיך ניט אויף.

ל ע ו ו י ן: מיש דיך ניט אַריין. (געהט אויף און אָב אויפגערעגט)

ה ע ר מ י נ ג: מ'לוינט זיך אָבער גאָרניט אַזוי אויפצורעגען, מיר קאָנען דאָך רוהיג בעהאַנדלען די זאַך. מיט דער היסטאָריע פון דער קולטור קאָן מען ניט קומען צו קיין פערמעגען.

ל ע ו ו י ן: טאָ צו וואָס דאַרף אייער זוהן די היסטאָריע פון קולטור?

הערמינג: אַ חוץ געלד איז נאָך עפּעס דאָ אויף דער וועלט...

פרוי הערמינג: הערמינג...

לעווין: דאָס מיינט איהר..

רחל: אַדאָלף...

פרוי הערמינג: ענטשולדיגט.. צו וואָס דאַרף מען זיך קריגען איבער זאַכען, וועלכע אינטערעסירען אונז גאָרנישט? . הערמינג, זייט רוהיג, דאָס געלד וואָס די קינדער דאַרפען בעקומען, וועלען זיי בעקומען... ווער מיזאָל זיי געבען, די אָדער דער הערר לעווין, דאָס ווייס איך נישט. איהר וועט עס שוין אָבער אָבשטימען. פאַר מיר איז פאַר זייער צוקונפט איז פאַראַן צו בעשטיידען אַנדערע, וויכטיגערע פראַגען...
אַך — הערר לעווין...

רחל: אַדאָלף, זעץ זיך.

פרוי הערמינג: איך מיין די ערשטע חופּה און..

הערמינג: יאָ, חופּה. (פּויזע)

לעווין: צום בעדויערן קאָן די חופּה און סינאַגאָגע נישט פאָרקומען...

פרוי הערמינג: יאָ, קאָן נישט.

הערמינג: זעלבסטפערשטענדליך, אַז זי קאָן נישט.

לעווין: און אין אַ פּריוואַט שטוב וועט אַ ראַבינער נישט קומען.

פרוי הערמינג: נישט קומען.

הערמינג: יאָ, נישט קומען

רחל: צום בעדויערן (פּויזע).

פרוי הערמינג: איך טראַכט, מעגליך וואָלט מען פערבעטען וועמען ס'איז פון אונזערע גייסטליכע?

לעווין: וואָס מיינט איהר דערמיט צו זאָגען?

הערמינג: מיין פרוי מיינט, אַז אויב ס'איז אונמעגליך צו שטעלען אַ חופּה אין אַ אידישער סינאַגאָגע, זאָל מען...

לעווין: אין אַנדערע?

הערמינג: יאָ.

לעווין: מיין טאָכטער זאָל נעמען חופּה וקדושין אין אַנדער קירכע?...

הערמינג: נו, יאָ.

לעווין: קיינמאָל ניט.

הערמינג: דאָס איז דאָך נאָר אַ פאָרמאַליטעט, לעווין.

לעווין: קיינמאָל ניט.

הערמינג: ווען מען שטעלען די חופה אין שטוב.

לעווין: וואו?

הערמינג: דאָ.

פרוי הערמינג: אַז מ'קאָן ניט ערגעץ אַנדערש וואו.

לעווין: אַגלח וועט מיין טאָכטער ניט געבען קיין חופה וקדושין.

רחל: פערשטעהט זיך.

הערמינג: אייערער וויל דאָך אָבער ניט.

פרוי הערמינג: אייערער וויל דאָך אָבער ניט, הער לעווין.

לעווין: טאָ זאָל די חופה זיין איבערהויפט אָהן גייסט-ליכע.

פרוי הערמינג: אָהן גייסטליכע?

לעווין: אין שטאָדט-פערוואַלטונג.

הערמינג: אין פערוואַלטונג?

פרוי הערמינג: אין פערוואַלטונג... ניין, ענטשולדיגט, איך קאָן ניט איינשטימען... יערכען איז מיין איינציג קינד. גיבעטען, אַז איהר פערשטעהט, אַז כ'האַלט ניט אויעה גלויבען ערגער פאַר אייזערין, נאָר איך בין זעהר רעליגיעז, און יערמען האָט מיר פעסט צוגעזאָגט, אַז ער און זיינע קינדער...

לעווין: די קינדער?

הערמינג: יאָ, יאָ, יאָ...

פרוי הערמינג: (שטרעקט אויס די האַנד נאָך אַ גלאָז וואַסער)

רחל: ערלויבט מיר...

פרוי הערמינג: אַ דאַנק, פרוי לעווין... (אין לעצטען צימער שלאָגט דער זייגער. זי פרובט זיך אויפצושטעלען)

רחל: (העלפט איהר צו)

פרוי הערמינג: אַ דאַנק, אַ דאַנק. איהר מוזט מיר ענטשול-

דינגען, דער זינגער האט שוין געשלאגען ניין, און איך מוז מיך מיך לעגען שלאפען. א גוטע נאכט, מאדאם לעווין. איך האלט זעהר פון אסתר'ן... מיין מאן אויך... און מיר וועלען זיך בעמיהען צו טון אלין וואס מיר וועלען נאר זיין אומשטאנד... מיר האבען אבער גראד אזא געפיהל פאר אונזער זוהן ווי איהר פאר אייער טאכטער... מיט גאטס הילף וועלען מיר קומען צו א בעשלוס. א גוטע נאכט. א דאנק פארין בעזוך. א גוטע נאכט, א דאנק פארין היינטיגען אוונד.

הערמינג: איין מינוט... ענטשולדיגט... (פיהרט אב זיין פרוי רעכטס)

5=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, (אהן) הערמינג און פרוי הערמינג.

לעווין און רחל: (זיצען שווייגענדיג און קוקען אייגער אויפ'ן אנדערן)

רחל: (טוט אויס די ברילען)

לעווין: דו פיהלסט זיך גוט?

רחל: און דו?

לעווין: דאס האט נאך געפעהלט, אז א גלח זאל אסתר'ן געווען חופה וקדושין.

רחל: וואס דארפסטו זיך אויפרעגען? מ'דארף זיין מאליד.

לעווין: טא, רייד דו, אויב דו קאנסט. דו מיינסט, אז ער איז יא מאליד? נעמט א סיגאר, לעווין... זיצט, לעווין... איך בין הערר לעווין און נישט לעווין...

רחל: ווי גוט ס'איז איצט צו ליגען אין בעט.

לעווין: וואס האט זי געזאגט וועגען די קינדער?

רחל: וועגען וועלכע קינדער?

לעווין: אפשר דארף מען זיי אויך שיקען אין קירכע?

רחל: וואס דו פלאפעלסט...

לעווין: יא, יא...

ר ח ל: דו ביזט אַקינד.

ל ע ו ו י ן: (געהט צו צום לאָמפּ) 7000 קראָן. אפשר געפעלט דיר צו האָבען אַזא שטאַל ביי זיך אין שטוב?

ר ח ל: אַז אַ שטאַל איז שיין בעסער אויפ׳ן הויף.

ל ע ו ו י ן: 7000 קראָן פאַר..

ר ח ל: ס׳איז דען דיין געלד?

ל ע ו ו י ן: אַרויסגעוואָרפען געלד...

ר ח ל: טסס... (ס׳הערען זיך ה ע ר מ י נ ג ׳ ס טריט. די אַ ל ט ע טוט צוריק אָן די ברילען און נעמט זיך צו איהר ארבייט. ל ע ו ו י ן מאַכט זיך קוקען די בילדער. ה ע ר מ י נ ג קומט אריין)

6=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, הערמינג.

ה ע ר מ י נ ג: ענטשולדיגט, טייערע... נאָר די קראַנקהייט, צום בעדויערן...

ר ח ל: גאָט זאָל איהר צושיקען אַ היילונג.

ה ע ר מ י נ ג: לאָמיר זיך זעצען, לעווין, פערויכערן אַ פרישע סיגאַר און זיך רוהיג דורכריידען. (לעגט פאָר סיגאַרען. ל ע ו ו י ן דאַנקט) אַ לייכטע, ביטע? (פערויכערט) מיין פרוי, צום בעדויערן, ווי איהר זעהט, איז אַ שוואַכע, זעהר אַ שוואַכע. זי ענטשולדיגט זיך, אַז ביי אַ צווייט מאָל...

ר ח ל: אַ דאַנק... דו הערסט, אַדאָלף?

ל ע ו ו י ן: אַ דאַנק.

ה ע ר מ י נ ג: מיר ווילען זיך איבערעדען צו אונזער געשפרעך, וועגען נדן און די איבריגע זאַכען ווילען מיר שוין, ווי ס׳איז, דורכקומען, מיר זעהען דאָך פינאַנסיסטען... וואָס מאַכט איהר אַזא מינע, לעווין?, יעדעם קינד אויף דער בירזע ווייס איטער פערמעגען.. יאָ.. יאָ... מ׳ווייס. איהר האָט גאָרנישט! זעהר שעהן, זאָל זיין אַזוי... און איצטיגען מאָמענט איז די הויפט פראַגע פאַר מיר און פאַר מיין פרוי – די חופה. לאָזט מיך ענדיגען, דערנאָך וועט איהר...

מײַן פֿרוי, ווי איהר האָט שוין געהערט, איז זעהר רעליגיעז.. מאַדאַם לעווין איז געווים אויך אַזוי.. ס׳איז גאַנץ פֿער־שטענדליך. פֿאַר אײַך און אײַער פֿאַמיליע איז אונבעדינגט נויטיג, אַז אַלץ זאָל געמאַכט ווערען לויטין קריסטליכען דין.

ל ע ו ו י ן: לויטין קריסטליכען?

ה ע ר מ י נ ג: אום גאָט׳ס ווילען, לעווין, שלאָגט מיר נישט איבער...

ל ע ו ו י ן: לעווין, לעווין, נו, און איך? און מײַן פֿרוי? מיר זענען דאָך עלטערן און דאָס איז אונזער טאָכטער. איך זאָג אײַך קורץ און דײַטליך: איך וועל נישט געהן מיט מײַן טאָכטער אין איינע פֿון אײַערע קירכען, וואו מ׳שפּילט אַ אָרגעל און מ׳זינגט תהלים. וואָס זאָגסטו?

ר ח ל: די פֿרוי געהייראַטין איז אַזאַ גוטע פרוי, אַז זי וועט אונז פֿערשטעהן.

ה ע ר מ י נ ג: יאָ, זי קאָן עס אָבער נישט, ליבע פרוי לעווין. איך האָב מיט איהר גערעדט, כ׳האָב איהר פֿאָרגעלעגט פֿערשידענע פּלענער וועגען דער חופּה און די צוקונפטיגע קינדער...

ר ח ל: קינדער?

ל ע ו ו י ן: וואָס זאָל זײַן מיט די קינדער?

ה ע ר מ י נ ג: קורץ און גוט: זי מיינט און צוזאַמען מיט איהר אויך איך, אַז דאָס גלײַכסטע פֿאַר יערטענין און די צוקונפ־טיגע קינדער... און אַלע הינזיכטען דאַרף מען...

ל ע ו ו י ן: נו, וואָס?

ה ע ר מ י נ ג: נו, יאָ.

ל ע ו ו י ן: וואָס יאָ?

ה ע ר מ י נ ג: טויפֿען די קינדער.

ל ע ו ו י ן: שמדין?!

ר ח ל: שמדין?!

ה ע ר מ י נ ג: יאָ.

ל ע ו ו י ן: איהר זענט אַראָב פֿון זין? נישט אַנדערש, נאָר איהר מוזט זײַן אַראָב פֿון זין.. בין איך דען נישט קיין יוד? איז מײַן טאָכטער נישט קיין יודישע? שמד׳ט אַ יוד

זײנע קינדער? (צו דער אלטער) די הערסט?

ר ח ל : יא.

ה ע ר מ י נ ג : מימוז דאך קומען צו װעלכען ס'איז בעשלום, כאראם לעװין. אײער טאכטער איז א יודישע, מײן זוהן — א קריסט...

ל ע װ י ן : זאל ער זיך מגייר זײן.

ה ע ר מ י נ ג : איך בעט אײך נאר אהן נארישקײטען, לעװין...

ל ע װ י ן : הער לעװין...

ה ע ר מ י נ ג : אויב איהר װילט קומען צו װעלכען ס'איז בע־שלום, װעלען מיר רײדען, אויב איהר װילט אבער מאכען סקאנ־דאלען, ראטען מיר איבער אונזער געשפרעך

ל ע װ י ן : זאגט װאס איהר װילט.

ר ח ל : אדאלף... (צו הערמינג'ן) מיר זענען אײערע געסט, הערר געהײמראט, און אז מ'איז צו גאסט מאכט מען נישט קײן סקאנדאלען, װי איהר האט זיך אויסגעדריקט. מיר האבען זיך אונזער רעליגיע, איהר — אײערע. װעלכע ס'איז די ריכטיגע, אײערע אדער אונזערע, קאנען מיר אלײן נישט בעשטימען, איהר דארפט אבער פערשטעהן, אז אלס יודען קאנען מיר אנדערש נישט דענקען.

ל ע װ י ן : דאס פערשטעהט ער נישט.

ר ח ל : אדאלף...

ה ע ר מ י נ ג : איהר מײנט מיך?

ל ע װ י ן : יא, איך זאג, אז איהר פערשטעהט נישט דאס װאס עס טראכט און פיהלט א יוד. איך זאג „דעם װאס מ'ליבט נישט, דעם פערשטעהט מען נישט", און צוליב דעם פער־שטעהט איהר נישט קײן יודען.

ה ע ר מ י נ ג : װאס װילט איהר דערמיט זאגען?

ל ע װ י ן : אט דאס װאס כ'זאג.

ה ע ר מ י נ ג : װײסט איהר, אז דאס איז א בעלײדיגונג?

ל ע װ י ן : זאל עס זײן א בעלײדיגונג.

ר ח ל : אדאלף...

ה ע ר מ י נ ג : אויב איהר מײנט, אז איך ערלויב מיך צו בע־לײדיגען, האט איהר א טעות. איהר מײנט, אז איך האב אײך אהער פערבעטען צו פלאפלען און דער װעלט ארײן...

אִיך האָב אַײך אײדעל געפֿרעגט.

לעווין: וואָס רופֿט אִיהר אָן „אײדע״קײט״?

הערמינג: אִיהר געהט מִיר זאָגען וואָס ס׳אִיז אַזוינס אײדעל־קײט?

לעווין: אִיך האָב אַײך געענטפֿערט אַזוֹי וויִ אִיהר האָט זִיך פֿערדִינט.

הערמינג: וואָס?!

רחל: אַדאָלף...

לעווין: יאָ.. יאָ...

הערמינג: ווען אִיך זאָל אַײך ענטפֿערן וויִ אִיהר האָט זִיך פֿערדִינט...

לעווין: נוּ?

הערמינג: וואָלט...

לעווין: נוּ, זאָגט שוין.

הערמינג: אִיהר...

לעווין: וואָס — אִיהר? נוּ, זאָגט שוין וואָס אִיהר?

הערמינג: (זעצט זִיך אויף אַ שטוּל, אויסגעדרעהט צוּ אִיהם מִיט׳ן רוּקען)

לעווין: אִיך קען דִיך.

הערמינג: (דרעהט זיך צוּריק)

לעווין: יאָ.. אִיך קען.. דִיך... אִיך בִּין שוין אײנמאָל געשטאַנען פֿאַר דִיר גראַדע אַזוֹי וויִ אִיצט דע״מאָלט בּיזטוּ דִיר אויך געזעסען אִין דײַן שטוּל, געקוקט אויף מִיר פֿון אויבען אַראָב, גערעדט אויף „אִיהר״, און אויסדרעהענדִיג זִיך מִיט׳ן רוּקען מִיך אַרויסגעבּעטען.

הערמינג: אַהאַ.. אִיצט זִיך דערמאַנט...

לעווין: אִיצט זִיך דערמאַנט... אִיך האָב שוין געוואַרט אויף דער מינוּט. אִיהר האָט געמיינט, אַז כ׳האָב שוין פֿערגעסען? קײנמאָל נִישט... אִיך בִּין נִישט פֿון דִי וואָס פֿערגעסען. און יענעם טאָג האָב אִיך עס זִיך פֿערשוואוירען: קײנמאָל נִישט, קײנמאָל נִישט...

הערמינג: אִיצט האָב אִיך אַײך ווידער דערקענט.

לעווין: יענעם טאָג האָט אִיהר נִישט געדאַרפֿט קײן יודען...

הערמינג: נײן.

לעווין: אָבער הײַנט דאַרפֿט איהר מיך יאָ האָבען.

הערמינג: איך?

לעווין: און הײַנט זאָג איך „נײן".

רחל: אַדאָלף...

הערמינג: יאָ, איצט דערקען איך איך... גראָד אַזוי ווי אין דער יוגענד... און שולע... און שפּעטער אין לעבען... איהר זאָגט „נײן". איהר מײנט, אַז איהר האָט איצט די מעגליכקײט... איהר זענט בכח זיך און מיר נוקם צו זײַן. איהר פֿלעגט זיך פֿריהער אויך נוקם זײַן... וואו און ווען איהר האָט נאָר געקאָנט, יאָ... צוליב אַלטע חשבונות פֿון אונזערע עלטערן... איצט האָט איהר אויפֿגעהויבען די הענד און שאַרפֿט דאָס מעסער...

לעווין: די נקמה איז זיס...

רחל: געדענק און גאָט...

הערמינג: און וואָס וועט איהר טון אויב אײַער איבערשפּיציגער שׂכל האָט אײַך דאָס מאָל אָבגענאַרט? איהר האָט צו פֿריה געפֿײַערט דעם נצחון. איהר פֿערגעסט, אַז דער אײנציגער מענש, וואָס קאָן דא זאָגען „יאָ" אָדער „נײן" איז...

רחל: אסתּר.

הערמינג: אײַער נקמה וועט אויסגעהן צו אײַער קאָפּ, נישט צו מײַנעם. אײַער טאָכטער האָט שוין צוגעזאָגט מײַן זוהן וועגען דער חופּה און די קינדער...

לעווין: (כאַפּט זיך אָן פֿאַרן עק טיש) קינדער...

רחל: (לויפֿט צו איהם צו) גאָטעניו, אַדאָלף...

הערמינג: נו, וואו איז אײַער זיסע נקמה?

לעווין: דאָס איז אַ ליגען, רחל... אַ ליגען... (טופּעט מיט די פֿיס) דאָס איז אַ ליגען... איהר הערט, דאָס איז אַ ליגען... אויסוואורף...

הערמינג: (שטעהט שנעל אויף און געהט פֿאַרבײַ די בײדע אַלטע, וואָס שטעהען צוזאַמען און קוקען איהם נאָך)

(פֿון לינקס קומט אַרײַן דער לאַקײ)

הערמינג: בעט דאָ אַרײַן דאָס פֿרײַלײן, נאָר שנעלער.

(לאקיי אב אויפלאָזענדיג די טיר. הערמינג געהט איבער רעכטס. די אלטע שטעהען צוזאמען און קוקען אויף דער אפענער טיר. פויזע. ס'קומט אריין אסתר, זי דער־שרעקט זיך אנקוקענדיג די עלטערן, זי פערשטעהט וואס די שטילקייט בעדייט, געהט צו צו הערמינג'ן, נישט קוקענדיג אויף די עלטערן).

7-טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, אסתר.

לעווין: (רוהיג, געהט איהר פריינדליך אקעגען) אסתר...

אסתר: (שטעלט זיך אב)

לעווין: איז עס אמת... וואס דו האסט צוגעזאגט... שמדין דיינע קינדער?

אסתר: (שווייגט)

רחל: (געהט צו נענטער) אסתר, ענטפער.

לעווין: ס'איז אמת?

אסתר: יא, (פויזע)

לעווין: (געהט צו דער טיר) קום, רחל.

רחל: אסתר...

לעווין: רחל...

רחל: (דריקט איהר די האנד) אסתר...

לעווין: (אין דער טיר) דו הערסט? (עפענט די טיר. די אלטע געהען ארויס)

8-טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, (אהן) לעווין (און) רחל.

אסתר: (בלייבט שטעהן אונבעוועגליך. דערנאך פאלט זי אויפ'ן שטול און בעדעקט דאס פנים מיט די הענד)

הערמינג: (געהט פאמעליך צו איהר צו)

9=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, יערמען.

יערמען: (קומט אריין, בלייבט שטעהן ביי דער טיר און קוקט זיך ארום פערוואונדערט) וואס האט דא פאסירט? (געהט צו אסתרין) אסתר, וואס איז דא פארגעקומען?.. אסתר...

אסתר: (הויבט פלוצלונג אויף דעם קאפ) פארוואס צווינגט איהר מיך?

יערמען: מיר צווינגען?

אסתר: כיהאב דיר געזאגט, אז כיקאן נישט... כיהאב דיך געבעטען, אז דו זאלסט מיך לאזען צו רוה, נאר דו האסט נישט אבגעלאזט...

יערמען: איך?

אסתר: יא.

יערמען: איך האב דיך געפרעגט, איך האב דיר ארויסגעזאגט מיין מיינונג. אבער מיינסטו דען, אז מיר איז א אונטערשיד אויב ס'וועט אזוי זיין אדער אנדערש? (צום פאטער) האב איך נישט שטענדיג געזאגט, אז אסתר זאל טון לויט איהר איינענעם ווילען?

הערמינג: יא.

יערמען: דו הערסט?

אסתר: (שטיל) יערמען, דאס איז נישט אמת.

יערמען: נישט אמת?

אסתר: יא, ס'איז נישט אמת, אז דו האסט מיך געפרעגט... האסטו נישט געזעהען, וואס איך האב דערביי איבערגעלעבט, ווי איך האב פון טאג צו טאג אבגעלעגט מיין בעשלוס. דו האסט עס גאנץ גוט געזעהען, ווען דו האסט געזאגט, אז מיר מוזען איצט בעשליסען, און ס'איז בעסער צו טון אזוי ווי דיינע עלטערן ווילען...

הערמינג: נו, יא...

אסתר: נו, זאג איך דעם אמת?

יערמען: אז דער פאפא און די מאמא זענען אזוי צוגעשטאנען..

הערמינג: יאָ.

אסתר: און איך?

יערמען: פֿאַר אונז און פֿאַר דיר עקסיסטירען גאָרנישט קיין פֿראַגען.

הערמינג: געוויס.

אסתר: ניין, זיי עקסיסטירען יאָ, אַלעמאָל פֿאַר מיר... איצט, ווען מיין פּאַפּאַ און מאַמאַ זענען דאָ געשטאַנען און געפֿרעגט, האָבען די פֿראַגען אויך אָנגעהויבען צו עקסיסטירען פֿאַר מיר. איך האָב געפֿיהלט, אַז כ׳האָב עפּעס געטון... עפּעס אונפֿערשעמטעס. יאָ, יאָ, נאָר כ׳האָב נישט געקאָנט ענטפֿערן, און אין דעם מאָמענט האָב איך דערזעהען, אַז איך קאָן נישט אַזוי טון ווי כ׳האָב דיר צוגעזאָגט, אַז ס׳האָט פֿאַר מיר אַ גאַנץ אַנדערע בעדייטונג ווי פֿאַר איך: (בעדעקט דאָס פּנים מיט די הענד און וויינט)

יערמען: (וויל צו איהר צוגעהן)

הערמינג: (גיט איהם אַ צייכען, אַז ער זאָל בלייבען אויף זיין אָרט און געהט אַליין צו) אסתר... זיי פֿעסטשטענדיג. ווי האָט יערמען געזאָגט: אונז איז אַלץ איינס אַזוי אָדער אַנדערש. נאָר אויב מיר שטעהען צו דיר צו, איז עס נאָר צוליב דער מוטער. זי איז שוין אַזוי, זי קאָן אַנדערש נישט טראַכטען — ס׳איז איהר פּשוט אונמעגליך. דו ווייסט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, אַז זי האָט גאָרנישט געגען איך, נאָר זי איז שוין אַזאַ, און מיר דאַרפֿען איהר נישט פֿערשאַפֿען קיין שמערצען, אויב אָבער דו ווילסט וויסען מיין מיינונג, זאָג איך דיר אָפֿען, אַז זי איז גערעכט. אַפֿילו פֿון פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, וועסט גאָרנישט אויפֿטון, מ׳מוז זיך רעכנען מיט דער פּראַקטישער זייט. ס׳זענען פֿאַרהאַן סבֿות פֿון וועלכע דו ווייסט נישט, און וועלכע מאַכען פֿאַר יערמענ׳ן זעהר וויכטיג די פֿראַגע: צי וועלען די קינדער זיין יודען אָדער קריסטען. אמת, ביי אינטעליגענטע מענשען עקסיסטירט איבערהויפּט נישט די דאָזיגע פֿראַגע. איך אַכט אין דיינע גלויבענס-גענאָסען זייער טאַלאַנט, ענערגיע און די איבריגע גוטע מעלות, זיי זענען אָבער און בלייבען פֿרעמדע, אַפֿילו דעמאָלט ווען זיי וועלען בעהערשען אַלץ: כּבוד, מאַכט און

צווישען אונז וועט שטענדיג זיין אַ אונטערשיד – אַ אונטער-
שיד אין טעמפּעראַמענט, אַ אונטערשיד אין דער נאַציאָנאַ-
ליטעט, מיט איין וואָרט, עפּעס אַזוינס וואָס... איך זאָג
דיר עפּעס, פֿאָלשטענדיג אָפֿען דאָס וואָס כ'פֿיהל און וואָס כ'האָב
שטענדיג געפֿיהלט: איך ליב נישט קיין יודען.

א ס ת ר : (שפּרינגט אויף) יערמען...

י ע ר מ ע ן : וואָס?

א ס ת ר : האָסט געהערט?

י ע ר מ ע ן : וואָס?

א ס ת ר : זאָג עפּעס...

י ע ר מ ע ן : וואָס זאָל איך זאָגען?

א ס ת ר : וואָס דו זאָלסט זאָגען? (פֿאַלט אויפֿן שטול און צוכליפּעט זיך)

י ע ר מ ע ן : אסתר... אסתר.. בערוהיג זיך... מיר האָבען דאָך שוין פֿריהער גערעדט וועגען דעם. און אין דער אמתין, פֿאַרוואָס זאָל דער פּאַפּאַ ניט טאָרען זאָגען דאָס וואָס ער האָט געזאָגט? פֿאַרוואָס זאָל איך נישט טאָרען זאָגען, צום בײַשפּיל, אַז איך ליב נישט קיין דײַטשען אָדער פֿראַנצויזען. איהר אַליין זענט גאָרנישט אַזוי דעליקאַט צו אַנדערע אײַנגענע און פֿרעמדע, נאָר קוים רעדט אײַנער אַרויס דאָס וואָרט „יוד", שפּרינגט איהר אויף ווי אָבגע-ברוהטע. ווען איך בין בײַ אײַך געווען דאָס ערשטע מאָל, און אויך שפּעטער האָב איך געפֿילט, אַז...

א ס ת ר : וואָס?

ע ר מ ע ן : אַז דאָרט הערשט עפּעס אַ אײַנגעוואָרצעלטע שנאה...

א ס ת ר : פֿון וועמענס זײַט?

י ע ר מ ע ן : (צום פֿאָטער) דו ווײסט דאָך...

א ס ת ר : זאָג...

י ע ר מ ע ן : דאָס קאָן מען נישט זאָגען מיט קיין ווער-טער.

ה ע ר מ י נ ג : ריכטיג.

י ע ר מ ע ן : דאָס פֿיהלט זיך אין דער לופֿט...

א ס ת ר : וואָס פֿיהלט זיך אין דער לופֿט? אַז דו ווייסט,

זאָג! זענען אונזערע נישט געווען געסטפריינדליך צו דיר?

יערמען: יאָ–יאָ...

אסתר: אַלע?

יערמען: יאָ, אַלע.

אסתר: ווער איז עס נישט געווען?

יערמען: קיינער נישט. (לאַכט)

אסתר: פאַרוואָס לאַכסטו?

יערמען: דו האַלטסט פאַר דיינע.

הרמינג: יערמען...

אסתר: ווער איז נישט געווען פריינדליך?

הערמינג: אסתר...

אסתר: ווער?

יערמען: דיין ברודער יאַקוב, אויב דו ווילסט וויסען.

אסתר: ער?

יערמען: און דיין פאָטער.

הערמינג: יאָ.

יערמען: יאָ... דאָ איז עפּעס נישט פּאַסיגעס... דו האָסט מיר אַליין געזאָגט, אַז דו פיהלסט עפּעס און מיינע... טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט פיהלען עפּעס געגען דיינע? דאָס מאַכט מיך באַלד פאַר אַ אַנדערן, אַ פרעמדען, און דיך אויך אַזוי... דאָ און שטוב איז עפּעס אונקלאָר...

הערמינג: יערמען.

יערמען: יאָ...

אסתר: (שטעלט זיך אויף און געהט צו דער טיר)

יערמען: וואוהין?

אסתר: אַהיים.

יערמען: אַהיים?

אסתר: יאָ.

יערמען: אסתר...

אסתר: לאָז מיך צו רוה... יאָ, איך האָב דאָס געפיהלט אַ גאַנצען אָווענד זיצענדיג ביים טיש... מיך האָט שרעקליך געקוועהלט אייער בענעהן זיך מיט מיינע עלטערן – דאָס האָט מיך אויפגעבראַכט. איצט בין איך אַליין מיט דיין

פאָטער און איך האָב דײנע רעדעס... און איך האָב פלוצלונג דערפיהלט, אז צווישען אונז שטעהט עפּעס שרעקליכעס, עפּעס אַזוינס, וואָס ווער אפשר קײנמאָל נישט... איך ווײס נאָר אײן זאַך: איך האָב נאָך קײנמאָל אַזוי נישט געליבט מײן פּאַפּאַ און מאַמאַ, כ'האָב צו זײ נאָך קײנמאָל אַזוי נישט געהערט ווי איצט, ווען זײ זענען דאָ פאַרבײגעגאַנגען, און איך בין דאָ געשטאַנען. קײנמאָל נאָך נישט, קײנמאָל נישט... דו הערסט? איך וועל קײנמאָל נישט טון דאס וואָס איהר ווילט פון מיר, און דאָס וואס כ'האָב דיר, פון שטאַרקע ליבע צו דיר, צוגעזאָגט.

יערמען: אסתר...

אסתר: נײן.. נײן...

יערמען: הער אוים...

אסתר: אַ גוטע נאַכט... (געהט שנעל ארוים לינקס)

10=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, (אָהן) אסתר.

הערמינג: זעהסט... (פויזע. געהט צו איהם צו) איך האָב דיר באַלד געזאָגט. דו האָסט געמײנט, אז דאָס איז ליכט, און אז נאָר מיר, אַלטע, מיט אונזערע פערעלטערטע אַנשויאונגען, שטערען דער זאַך. איצט זעהסטו! דו פערשטעהסט דאָך, מײן קינד, אז כ'בעדויער דיך, דו האָסט מיך נישט געוואָלט הערען. דו ביזט דיר געזעסען איבער די ביכער און ארויסגעלעזען אַזוי און אַזוי... מ'בעליידיגט זײ... מ'פערשעמט זײ... איך ווײס אָבער אויך עפּעס, פערשטעהט זיך, נישט פון ביכער, נאָר פון לעבען... איך קען זײ... איך האָב געקענט די דאָזיגע נאַציע נאָך אווידער די ביזט געבוירען געוואָרען. נוקם ונוטרים, מענשען מיט אַ שלעכטען זכרון, אַט אַזעלכע זענען זײ אַלע.

יערמען: אַלע?

הערמינג: דו האָסט דאָך געזעהען

יערמען: וואָס האָב איך געזעהען, אָט דאָס וואָס די בוזם געגען אונזער שדוך, אָט דאָס וואָס די האָבט מיך געבעטען אָנצורייזען אַ מענש וואָס ליבט מיך, אַז ער זאָל האַנדלען געגען זיינע אייגענע געפיהלען? ווי שרעקליך דאָס איז... יאָ, איך ווייס עס, און די מיינסט, אַז איך האָב נישט פערשטאַנען ווי גראָב און אומפּראַקטיש עס איז געווען זי צו צווינגען דערצו, ווייטערדיג, אַז זי טוט עס נאָר צוליב ליבע צו מיר? וואָס ליבען זיי אויב נישט דאָס מיט וואָס מיר בערוהמען זיך אַזוי? זיי ליבען זייער הויז, פאַמיליע און פאָלק — איך האָב דאָס געזעהען... זיי האָבען אַנדערע אנשויאונגען, קאָן מען זיי צוליב דעם פערראַכטען? זיי האָבען אַ אַנדערע נאַז... אפשר דאַרף איך דערויף לעגען אַכט?

הערמינג: נאַרישקייטען...

יערמען: אויב אַזוי? איך בין אויסגעוואַקסען אין דעם הויז און האָב טאָלעראַנץ איינגעזאַפּט און זיך אָט די פערביסענע אנשויאונג. וועראַ איז דען פרטי דערפון? פון וואַנען האָט זי זיך גענומען? מענשען האָבען ליב זייער הויז — איז דאָס אַ חסרון? זיי זענען פעסט צוגעבונדען צו זייער פאָלק... קאָנען מיר דאָס זעלבע וועגען זיך זאָגען? פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די טיפע פערביסענע אַנשויאונג?

הערמינג: דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען פערביסענהייט.

יערמען: אָט דאָס וואָס איך האָב געפאָדערט פון אסתרין איז נאַריש און אכזריותדיג. איך האָב זי פריהער בעליידיגט... כ'האָב עס נישט געוואָלט... איצט ווען זי דאַט זיך אָבגעווענדעט פון מיר, ליב איך זי נאָך טויזענד מאָל מעהר. זאָג, וואָס קאָן זי טראַכטען וועגען מיר נאָכ'ן היינטיגען טאָג? ס'קאָן זיין, אַז אַלץ איז געענדיגט, און די קאָנסט זיך פ'"עהען. אָבער דאָס וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט, אַז מיינע קינדער וועלען זיין קריסטען, דאָס וועט אַלעמאָל נישט זיין.

הערמינג: אפשר ווידען?

יערמען: נישט קיין יודען, נישט קיין קריסטען. זאָלען זיי זיין מענשען! אַט אַזוי וועל איך זיי ערציהען. (גערט צו דער טיר אין הינטערגרונד)

הערמינג: און דו רעכענסט, אַז די סצענע וואס האט זיך דאָ היינט אָבגעשפּילט, וועט זיך נישט ווידערהאָלען נאָך הונדערטער און טויזענדער מאָל?

יערמען: צום בעדויערן יאָ.

הערמינג: דו רעכענסט, אַז די מענשהייט וועט ווערען אַ אַנדערע?

יערמען: אַלץ וועט זיך ענדערן. די מענשהייט וועט ווערען אַ אַנדערע.

הערמינג: דו גלויבסט אין דעם?

יערמען: יאָ, איך גלויב אין דעם (אָב).

פֿאָרהאַנג.

פֿירטער אַקט.

די זעלבע דעקאָראַציע פֿון ערשטען אַקט.

מיין ווינקעל, אויף אַ טישעל ברענט אַ לאָמפּ.

הוגא זיצט און לעזט אַ בוך. מייער זיצט אויפ'ן סאָפע,

שטאַרק פֿערטראַכט.

1=טער אויפטריט.

הוגא, מייער,

הוגא: (גיט אַ קוק אויף מייער'ן און לעזט ווייטער באַלד פֿערמאַכט ער דאָס בוך) אַזוי...

מייער: דו האָסט געענדיגט?

הוגא: ניין, נאָר...

מייער: זשעניר זיך נישט. איך זיץ דאָ גאַנץ צופֿרידען אָהן ווערבער ס'איז בעשעפֿטיגונג.

הוגא: יאָ, דאָ איז זעהר בעקוועם.

מייער: בעקוועם און שטיל.

הונא: יאָ, בעקוועם... (קורצע פויזע) אָפט טראַכט איך פאַר־וואָס איז דאָס? סילונט דאָך נישט אין מעבעל, יעדע זאַך פאַר זיך איז זעהר איינפאַך. די סאָפע, צום ביישפּיל, איז זעהר איינפאַך געמאַכט, נאָר איך ווייס נישט וואָס דאָ איז... גראָד אַזוי ווי אויף די אַלטע בילדער... עפּעס אַ בעזונדערע לופט, וואָס טיפּהלט גאָרנישט אין קיין אַנדער אָרט.

מייער: גאַנץ איינפאַך דערפאַר ווייל דו האָסט עס ליב. אַפילו פאַר מיר, אַ פרעמדען... כמעט אַ פרעמדען... איז דאָ עפּעס... היימיש.

הונא: יאָ, היימיש, מייער. איז דאָס נישט מערקווירדיג? איך בין שוין אַ דערוואַקסענער מענש, קרוב צו פירציג, נאָר, אַז כ'זיץ דאָ, ווער איך פירצען יאָהר. יאַקוב פיהלט אויך אַזוי, און דערביי איז ער פערהייראַט, האָט זיך זיין הויז און פאַמיליע. מיר האָבען טויזמאָל גערעדט וועגען דעם אויף וויפיל ס'איז איבערהויפּט מעגליך צו רעדען מיט יאַקובין. אלענפאַלס, האָט ער געזאָגט, — ער, וואָס האָט אַקאָפּ מיט ביר, לעדער און פעטס —, אַז דאָ פיהלט ער זיך עפּעס אַזוי ווי אין אַ אַזיס אינמיט'ן שאָטען פון די פּאַלמען־ביימער... די איינציגע וואָס פיהלט דאָס נישט איז — אסתּר.

מייער: דו מיינסט?

הונא: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) זעהסטו, מייער, איך טראַכט אָפט וועגען דעם, ווען אונזערע זענען נישטאָ אין דער היים, אַ שטיינער, ווי היינט: אַמאָל מוז עס זיך דאָך ענדיגען. ביידע זענען, אַ דאַנקען גאָט, געזונד, אָבער פריהער אָדער שפּעטער מוז עס זיך דאָך ענדיגען, און ס'לאָזט מיך נישט רוהען דער געדאַנק, אַז כ'וועל און אָווענד זיצען אַליין, נישט עפענען יענע טיר, נישט קלינגען אין דעם גלעקעל, נישט אַריינגעהן אין ציממער וואו זיי זיצען... יאָ, מייער.

מייער: יאָ, אָבער דעמאָלט וועט דאָך דיין שוועסטער האָבען איהר שטוב, און דו — דיין ווינקעלע.

הונא: קיינמאָל נישט, מייער.

מייער: צווייפעלוואַז יאָ.

הונא: דו קאָנסט דיר פאָרשטעלען ווי ס'וועט אויסזעהן בא

אִיהר אין שטיב?

מ ײַ ע ר: פֿאַרשטעלען קאָן מען זיך אַלײן.

ה ו נ א: אַז מיר זאָלען דאָרט קאָנען זיצען, צום בײַשפּיל, אַזוי ווי איצט?

מ ײַ ע ר: דאָס קאָן איך נישט...

ה ו נ א: נוּ, זעהסטו.

מ ײַ ע ר: זי איז דאָך נישט מײַן שוועסטער.

ה ו נ א: דו קענסטו דאָך זי אָבער אַלס קלײן קינד...

מ ײַ ע ר: יאָ — אָ.

ה ו נ א: און ביז אַ געוויסער מאָס האָסטו צו איהר אַזעלכע געפֿיהלען ווי איך.

מ ײַ ע ר: ביז אַ געוויסער מאָס.

ה ו נ א: (שטעהט אויף) קאָן זײַן... אַזוי... איצט זיצען זיי בײַם געדרייטראַט הערמינג... ווער וואָלט דאָס אַמאָל געגלויבט? דעם פּאַפּאַ איז עס נישט געווען אַזוי לײַכט, דו פֿערשטעהסט דאָך... מיהאָט אָבער געמוזט אַמאָל צוגעהן אַ הין. ער האָט מיט דיר גערעדט וועגען דעם?

מ ײַ ע ר: קײן וואָרט נישט.

ה ו נ א: מיט מיר אויך נישט, נאָר כ'האָב איהם געזעהען ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען. די „גוטע נאַכט" וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אין אַזאַ טאָן ווי ער וואָלט זיך געקליבען אין אַ ווײַטען וועג אַרײַן. (געהט צו צום פֿענסטער און קוקט אַרויס אין גאַס)

מ ײַ ע ר: דער פּאַפּאַ האָט דיר גאָרנישט געזאָגט?... בכלל?

ה ו נ א: וואָס באַטײַטסטו עס „בכלל"?

מ ײַ ע ר: דאָס הייסט, איך מײן..

ה ו נ א: וואָס?

מ ײַ ע ר: גאָרנישט...

ה ו נ א: (געהט צו איהם צו) וועגען דער חתונה? וואָס האָט ער צו זאָגען? פֿערשטעהט זיך, אַז ער האָט געמײנט, אַז זײַן איידעם וועט זײַן אַ ייד. נײן, ער האָט קײנמאָל מיט מיר נישט גערעדט וועגען דעם. איבריגענס זענען גאָרנישט געווען קײן חתנים, וועלכע זאָלען איהם געפֿעלען.

מ ײַ ע ר: ריכטיג, נישט געווען.

הוגא: נו, דער יונגער הירש?

מייער: געווען.

הוגא: אָדער דער דאָקטאָר קאַן?

מייער: ריכטיג.

הוגא: אַלזאָ נישט, און אויסער זיי קומט דאָך צו אונז קיינער נישט אַריין. איך האב גערעדט מיט אסתרין וועגען דעם וואָס מיר האָבען נאָר וואָס געפּלאַפּעלט... וועגען דער בעקוועמליכקייט... זי האט מיך נישט פערשטאַנען, פערקעהרט, זי לאַנגווײַלט זיך דאָ אין שטוב. זי פיהלט אַ פערלאַנג אַוועקצופאָהרען פון דאַנען —, האט זי מיר געזאָגט —, אַוועק פון דעם מיט וואס מיר יודען צייכנען זיך, לויט מיין מיינונג, אויס פון אַלע אַנדערע... עס ציהט זי אַרויס, אַרויס אין דער פרעמד.

מייער: איך פערשטעה דיך.

הוגא: דו ווייסט ווי זי רופט אָן דאָס וואָס מיר פיהלען דאָ, און וואס אונז איז אַזוי נאָנט.

מייער: ניין.

הוגא: אַ טויטער ים.

מייער: אַ טויטער ים... (פּויזע)

הוגא: סיקאָן זיין, אַז זי איז גערעכט... יאָ, איך און דו, מייער, האָבען מיר דורכגעגעניצט אונזער לעבען, און אין אייך שעהנעם פריהמאָרגען וועלען מיר זיך אַכאַפּען, עס וועט שוין אָבער זיין צו שפּעט... דאָס לעבען האט אונז נאָר נישט איבערגעלאָזט. יאָ, זאָלסט מיר עס מוחל זיין, עס איז ווירקליך אַ טויטער ים.

מייער: נו, יאָ — אָ.

(פּויזע. מ'קלינגט)

הוגא: (קוקט אויפ'ן זייגער, שטעהט אויף און עפענט די טיר אין הינטערגרונד. מ'הערען זיך די שטימען פון דער דינסט און יאקוב)

יאקוב: אַ גוטען אָווענד, מאַריע... דער פּאַפּא און מאַמא זענען שוין געקומען, ניין? אַ גוטען אָווענד, הוגא, אַ גוטען אָווענד... (מ'זעהט ווי די דינסט טוט איהם אויס דעם פּאַלטאָ מיטן הוט) ווער איז אין שטוב? אַ, מייער!

2=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, יאַקוב, מאַריע (הינטער דער ביהנע).

יאַקוב: (קומט אריין) אַ גוטען אָוועגד, מייער... וואָס מאַכט איהר? ביזט זעהר צופרידען... (רייבט זיך די הענד) אַ גוטען אָוועגד, הונא, אַ גוטען אָוועגד, מייער... וואָס מאַכט אייער מוטער? זעהר צופרידען...

הונא: (אין טיר) מאַריע, איהר קאָנט געהן שלאָפען.

מאַריע: אַ גוטע נאַכט. (עפֿנע ענטפֿערן איהר)

הונא: (מאַכט נאָך איהר צו די טיר)

יאַקוב: (זעצט זיך אין שטיל) אַ... וואַרם און בעקוועם. איינענטליך האָב איך אונגעהויער פיל אַרבייט, נאָר כ'קאָן נישט אייננזיצען. איך ווער פערבערענט פון נייגיריגקייט. זיי האָבען דאָ אַהערגעקלינגען, ניין? ס'איז אינטערעסאַנט צו וויסען וואָס ס'הערט זיך ביי זיי. האַ, מייער? דער פּאַפּא און דער געהיימראַט הערמינג... ווער וואָלט עם אַמאָל גע־טראַכט, האַ? דאָס איז דאָך אונגלויבליך...

הונא: ענטשולדיג...

יאַקוב: יאַ, יאַ, ריכטיג!

הונא: ענטשולדיגט...

יאַקוב: האַ?

הונא: ווי פיהלט זיך עפּעס דינה?

יאַקוב: ווי קאָן מען זיך פיהלען אין נייַנטען חודש? די אַקושערין זיצט שוין און וואַרט. אפשר אַ ... איך אַ היינט־טע עפּאָנירען?

הונא: טעלעפאָנירט.

יאַקוב: (געהט אָב אין צימער רעכטס. פּויזע)

מייער: דו געדענקסט נישט ווען דיין שוועסטער האָט גערעדט וועגען... טויטען ים?

הונא: דאָס איז, דאַכט זיך, געווען אין אַ ווינטער־אָוועגד.

מייער: זי האט נישט אָנגעמערקט אויף עפּעס?

הונא: אָנגעמערקט?

מ ײ ע ר: הם... לאָמיר האָפֿן, אַז דײַן שװעסטער װעט זײַן גליקליך דאָרט... הינטער די מויערן...

ה ו נ א: יאָ, לאָמיר דאס האָפֿן.

י א ק ו ב: (קומט צוריק אַרײַן) אַ דאַנקען גאָט, דינה האט זיך אַבּיסעל בערוהיגט. כיהאָב געבעטען די אַקושערין, אַז באַלד װי ס'װעט גאָר עפּעס זײַן, זאָל זי מיר טעלעפאָנירען. (נעמט אַ צײַטונג) נו, מײער, װאס מאַכט איהר?

מ ײ ע ר: אַ דאַנק, גאַנץ גוט.

י א ק ו ב: װאס הערט זיך נײַעס?

מ ײ ע ר: נישטאָ.

י א ק ו ב: און װאס הערט זיך נײַעס אויף דער בירזע?

מ ײ ע ר: קײַן נײַעס.

י א ק ו ב: שװאַך. (צו הונאן) די האָסט געזעהען װי אַזוי זײַ זײַנען געפאָהרען?

ה ו נ א: יאָ.

י א ק ו ב: אין אַ אויטאָ?

ה ו נ א: נײַן.

י א ק ו ב: מ'רעכען, אַז נישט אין אַ אָמניבוס?

ה ו נ א: טאַקע יאָ, אין אַ אָמניבוס.

י א ק ו ב: פאָהרען אין אַ אָמניבוס אויף אַ אײַנגעאָדען מיטאָג צו אַ געהײַראַט! אַ שלעכטער געשעפטס-מאַן.

ה ו נ א: װאס פאַר'ע צוזאַמענהאַנג האט דאָס מיט געשעפט?

י א ק ו ב: װאס פאַר'ע שיכות דאס האט צו געשעפט? די בּיזט אויך אַ שלעכטער געשעפטס-מאַן. אַלץ האט אַ שיכות מיט געשעפט. מײער, בין איך נישט גערעכט? פאָהרען אין אַ אָמניבוס אין אַ פראַק אין אַ װײַסען בינדער... מיט אַ שטײַגער אין אַ געװעלנליכען קאָסטיום... װאס האט דער פאַפּא געזאָגט?

ה ו נ א: גאָרנישט.

י א ק ו ב: װי האט ער אויסגעזעהען?

ה ו נ א: װי געװענליך.

י א ק ו ב: און די מאַמא?

ה ו נ א: איז געװען אויפגערעגט.

י א ק ו ב: פערשטעהט זיך, איך בין אויך אויפגערעגט. נע-

שפּאַציען... דינה ליגט, און דער טאַטע איז בײַם געהויבט־
ראַט הערטונג.

הונא: זעץ דיך.

יאַקוב: כ׳קאָן נישט.

הונא: רייד נישט אַזוי פֿיל.

יאַקוב: דאָס קאָן איך אויך נישט. (געהט איבערן צימער, זעצט זיך) נו, כ׳האָב זיך שוין געזעצט, איך וועל שווײַגן. (פּויזע. נעמט אַ צײַטונג, לייענט, דערנאָך שטעהט ער שנעל אויף) איך קאָן נישט. איך קאָן נישט זיצן אַזוי ווי די און מיר מיט אַ אָפֿען מויל און וואַרטען, אַז מ׳זאָלען אַרײַנפֿליהען געבראָטענע טויבען. זיי פֿליהען קיינמאָל נישט אַרײַן. (געהט צו צום פֿענסטער) דער היינטיגער אָווענד האָט פֿאַר אונז אַ גרויסע באַדײַטונג, מ׳קאָן זאָגן, אַז אויך פֿאַר אײַך, מיר... ד. ה. איך מיין פֿאַרן קאַנטאָר. איך ליב נישט הערומגיין מיט זיין באַנק, נאָר אַז כ׳קאָן בײַ איהם דיסקאָנ־טירען מײַנע וועקסלען אויף אַ האַלבען פּראָצענט, דאַרף איך זיך דערמיט באַנוצען.

מײַער: (שטעהט אויף) טסס...

יאַקוב: וואָס איז?

הונא: (שטעהט אויך אויף) טסס...

יאַקוב: זיי זענען דאָ... (געהט צו צו דער אַרײַנגאַנג־טיר)

הונא: (נאָך איהם. געהענדיג צינדען זיי אָן די עלעקטרישע באַ־לײַכטונג.)

מײַער: (בלייבט זיצען ביים טיש)

יאַקוב: (הינטער דער טיר) אַ גוטען אָווענד, פּאַפּאַ... אַ גוטען אָווענד, מאַמאַ... עפּעס אַזוי פֿריה? הונא און מײַער זענען דאָ און שטוב.

הונא: (אין דער טיר) אַ גוטען אָווענד...

יאַקוב: גערט אַרײַן, איך וועל שוין אַליין אויפֿהענגען...

(די לעווינ׳ס קומען אַרײַן. די טיר בלײַבט אָפֿען, מ׳זעהט ווי יאַקוב הענגט אויף די מלבושים)

3־טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, לעווין און רחל.

לעווין: (אביסעל בלייך, בלייבט שטעהן אין דער טיר און קוקט זיך שטום ארום) אַ גוטען אָווענד!

רחל: (שטעלט זיך אויף אַ ווײַלע אָב) ווי ווארם און בעקוועם דאָ איז... (צו הוגאַן) אַ גוטען אָווענד, זוהן מײַנער... אַ גוטען אָווענד, מייער... (זעצט זיך אויפ׳ן עק סאָפע)

לעווין: (לאָזט זיך אַראָב אין אַ שטול)

רחל: צו געסט איז גוט, נאָר אין דער היים איז נאָך בעסער.

יאקוב: (קומט שנעל אריין) בעסער? וואָס בעסער?

(הוגא און מייער לאַכען. יאַקוב צולאַכט זיך אויך)

יאקוב: (נעמט אַ שטול און זעצט זיך צו צום פאָטער) נו... דערצעהלט. הא, וואָס? זיי זענען געווען גאַסטפרײַנדליך? ווער איז געווען?

רחל: קיינער ניט אַחוץ אונז.

הוגא: זעלבסטפערשטענדליך.

יאקוב: פערשטעהט זיך.

הוגא: איהר זענט געווען צופרידען?

יאקוב: וועגען וואָס האָט איהר גערעדט?

רחל: וועגען וואָס מ׳דאַרף רעדען...

הוגא: זעלבסטפערשטענדליך.

יאקוב: שוין ווידער זעלבסטפערשטענדליך. אויב אַלץ איז זעלבסטפערשטענדליך, טאָ צו וואָס פרעגען מיר? וואָס האָבען זיי געגעבען?

רחל: זופ...

יאקוב: (רעכנענדיג אויף די פינגער) אזוי... און דער־נאָך?

רחל: לאָקשען.

יאקוב: גיט, און דערנאָך?

רחל: הינער.

יאקוב: און וואָס נאָך?

ר ח ל : און פוטער...

י א ק ו ב : נאַרישקייטען, שוואך.

ר ח ל : געבראָטענס... געזויערס...

י א ק ו ב : גוט...

ר ח ל ; אויך... קאָנפעקטען...

י א ק ו ב : פינף געגנ און קאָנפעקטען — זעהר שעהן.

ל ע ו ו י ן : (שטעהט פלוצלונג אויף) און די בעסטע ווינען... און די טייערסטע ציגארען... און דעם טייערסטען שטאָל...

ר ח ל : אַדאַלף!

י א ק ו ב : שטאָל.

ל ע ו ו י ן : אויסוואורף...

(אלע קוקען זיך דערשראָקען איבער)

ל ע ו ו י ן : (געהט צו צום שלאָפצימער) דער כאַלאַט און די שטעק־שוך זענען דאָרט?

ר ח ל : יאָ.

ל ע ו ו י ן : (געהט ארוים אין שלאָפצימער, אַ קלאַפ געבענדיג מיט דער טיר)

י א ק ו ב : (קוקט פרעגענדיג און מיט שרעק צו דער מוטער)

4=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, אָהן לעווין.

ר ח ל : (קוקט אויף אַלעמען פערצווייפעלט, דערנאָך צווויינט זי זיך און לעגט ארויף דעם קאפ אויף הונא'ס פלייצע)

ה ו נ א : מאַמא, וואָס איז דיר?

י א ק ו ב : (שפרינגט אויף) וואָס איז דיר, מאַמא, וואָס איז געשעהען?

מ ייִ ע ר : (שטעהט אויף) ברענגען אַ גלאָז וואַסער?

ה ו נ א : (שאָקעלט מיט'ן קאָפ)

מ ייִ ע ר : (גיסט אָן וואַסער)

י א ק ו ב : (נעמט ביי איהם דאָס גלאָז, און טראָגט עס צו)

ה ו נ א : אָט איז וואַסער, מאַמא...

רחל: (טרינקט)

יאקוב: (זעצט זיך אויף דער צווייטער העלפט ביהנע)

רחל: הונא... יאקוב, ווי גאט איז אייך ליב, דער פאפא טאר נארנישט בעמערקען. דער פאפא אין ער האבען זיך געקריגט צוליב אסתר'ן.

הונא: זיך געקריגט צוליב אסתר'ן?

יאקוב: פאר וואס?

מייער: (שטעהט אויף און געהט שטיל צו)

רחל: אך, גאטעניו, זי איז דאך נאך א קינד. זיי האבען זי איינגערעדט. ארעם פייגעלע... הונא, שטעל דיר פאר... אקוב שטעל דיר פאר... אסתר האט צוגעזאגט צו נעמען חופה וקדושין אין קורבע אין שמדין די קינדער וואס וועלען געבוירען ווערען.

יאקוב: (שפרינגט אויף) שמדין?!

הונא: זי האט אזעלכעס צוגעזאגט?

רחל: יא.

יאקוב: וואס האט זי ערקלערט? וואס האט איהר געטון? זי האט אייך געלאזט אוועקגעהן? איהר זענט אוועק, און זי איז געבליבען? וואס רייד איך..

הונא: שטילער...

יאקוב: דאס איז דאך אמת'ער אנטיסעמיטיזם...

רחל: טסס...

יאקוב: (מיט פייער) דאס איז אנטיסעמיטיזם... וואס הייסט, זי האט זיך געלאזט איינרעדען? א נידריגער מענש לאזט זיך איינרעדען און פערשאפט עלטערן אזעלכע צרות... נידריגע נשמה... זאל זי טויזענד מאל זיין מיין שוועסטער...

(ביי די לעצטעווערטער קומט לעווין ארײַן פון שלאפצימער. יאקוב רייסט איבער)

5-טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, לעווין.

לעווין: (געהט צו צום טיש, און זעצט זיך) יאקוב... הונא...

און איהר, מויער... הערט! קיין ער דאַרף דערפֿון נישט וויסען — איהר הערט? קיין וואָרט נישט! פֿערשטאַנען? זאָל קיינער און שטאָדט נישט וויסען, אַז מיינע אייניקלעך וועלען זיין משומדים. דאָס איז שוין אַ צו ווייט געהענדער פּראָגרעס. זאָגער זאָל איך עס נישט דערלעבען... (געהט עטליכע שרים, שטעלט זיך פּלוצלינג אָב) וואָס רייד איך?.. איהר געדענקט... איך האָב געפֿיהלט, אַז אַלץ וואָס קומט פֿון יענע זייט, איז אַ אומגליק... נו, ווער איז גערעכט?.. איך האָב זיך נאָך קיינמאָל נישט געשעהמט, נאָר היינט האָב איך זיך פֿערשעהמט, ווען כ'האָב אַ פֿראַג געטהון מיין טאָכטער: „איז עס אמת?", און זי האָט געענטפֿערט: „יאָ, יאָ", און אונז געלאָזט געהן... (געהט עטליכע שריט, דרעהט זיך אום) איך בין דאָ געשטאַנען, זי איז דאָרט געשטאַנען, און די מוטער נעבען מיר... „איז עס אמת, אַז דו האָסט צוגעזאָגט צו שמדין דיינע קינדער?". „יאָ, יאָ"... מעהר קיין וואָרט נישט, קיין רוהר, גאָרנישט. בלויז „יאָ". איך האָב זיך נעשעהמט... נישט געשעהמט זיך פֿאַר'ן וואָרט... נאָר איך - ך - ך... נו, יאָ... (מאַכט עטליכע שריט זיך צו בערוהיגען, און שטעלט זיך אָב) קאָן איך דען עפּעס טון? ניין. בעשטראָפֿט דאָס געזעץ מיין טאָכטער דערפֿאַר, ווייל זי נאַרט מיך אָב? ניין. אַז איינער נאַרט מיך אָב און געשעפֿט, רוף איך פּאָליציי, אָבער אַז מיין טאָכטער... (קלאַפּט מיט די פֿויסטען אין טיש) דאָס איז נידריג... געמיין... רשעות... זי האָט געוואוסט, אַז זי פֿערשאַפֿט מיר דערמיט שרעקליכע יסורים — איך בין דערויף איינגעגאַנגען, זי האָט געוואוסט מיט וואָס פֿאַריע געמיט איך געה צו איהם צו גאַסט — נאָר איך בין איינגעגאַנגען אויף דערויף און אָנגענומען די איינלאַדונג. האָב איך זיך דאָרט שלעכט געהאַלטען? קיינער קאָן מיר דאָס נישט פֿאָרוואַרפֿען. איך האָב גערעדט, געגעסען, געטרונקען, און געוויכערט זיינע בעסטע סיגאַרען. פֿוי... קאָן איך דען איצט פֿאַר איהם פֿאַרביינעהן און זיך בעגריסען? וועל איך קאָנען פֿערלייקענען, אַז דאָס איז מיין טאָכטער וועמ'ס אין די צייטונגען וועט זיין געדרוקט אַ פֿערלאָבונגס-אַנזאָגע?.. שווידער-

ראַפּט.. (זעצט זיך. שווייגען)

יאקוב: (הויבט זיך שנעל אויף) יאָ, שווידעראַפּט... רשעות.

חנא: שטילער.

רחל: יאַקוב...

יאקוב: שווידעראַפּט, זאָג אויך, יאָ... האַנדעלט מען אַזוי? אָבזאָגען זיך פון אייגענעם גלויבען און פערט־זיבען דעם פאָטער און מוטער ווי... ווי... האַנדעלט אַזוי אַ יוד? זאָל אונז גאָט היטען פון אַזעלכע יודען...

חנא: יאַקוב...

יאקוב: טראַכסט ניששט אפשר זי צו בעשיצען?

חנא: איך וויל דיר ערקלערען.

לעווין: ערקלערען?

יאקוב: איך דאַנק דיר בעסטענס.

חנא: יאָ. די צייטען בייטען זיך. דאס וואס ס'איז געווען אונגלויבליך מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, ווע־ט איצט מעגליך. אַלץ שטראָמט... אפשר צו גוּן אָרט?

יאקוב: (וויל איהם איבעררייסען)

חנא: יאָ, יאָ, ס'איז מעגליך... פון וואַנען ווייסטו? ס'קאָן זיין, אז אין דער זעלבער צייט וואס מיר זיצען דאָ אין די פיר ווענד, און וואַרטען אָב אסתרן, איז געבוירען געוואָרען אַ נייער געדאַנק, וואָס וועט דערנעהנטערן אַלע מענשען...

יאקוב: דו ביזט אַ שוואַכער יוד.

לעווין: יאָ.

רחל: נו, נו...

חנא: מעגליך. טווילטאָל דאַכט זיך מיר אָבער, אַז כ'בין שוין צו פיל יוד. איך פיהל מיך צופיל צוגעבונדען... צו די פיר ווענד. אָבער הינטער די ווענד איז פאַ־האַן עפּעס נייעס... עפּעס אַ אונבעקאַנטער האָט דורכגעבויערט די וואַנד... און ס'קאָן זיין, צו דאָס איז גוט, וואָס דאָרט זעהט מען אונז, און מיר זעהען זיי. סוף כל סוף זענען מיר אַלע מענשען.

לעווין: אפשר ווילסטו זיך אויך פערלאָזען אין קירכע?

חנא: דו ווייסט דאָך.

לעווין: הייסט עס, נוין...

יאקוב: אָדער שטאַרבן די קינדער...

הונא: אויך נישט.

יאקוב: איהר זעהט...

לעווין: אויף צופיל גלויבסטו נאָך...

הונא: גלויבען? דאָס וואס איך ווייס, האָט נישט קיין צוזאַמענ-האַנג מיט גלויבען. גלויבען?... אַז צו מיר, אַלס דאָקטאָר, קומט אַ מענש, פרעג איך איהם נישט אין וואָס ער גלויבט. דאָס איז אַ מענש, וואָס דאַרף מיין הילף, און איך העלף איהם. אָט דאָס איז מיין גלויבען. (געהט אַוועק פון טיש. פויזע. מהערט קלינגען דעם טעלעפאָן)

רחל: דער טעלעפאָן...

יאקוב: דאָס מיינט מען מיך... (געהט שנעל אַרויס)

הונא: (הערט זיך בעאונרוהיגט צו, צוגעהענדיג צו דער טיר) (שטילקייט, מ'הערט זיך יאַקוב'ס אַ הויכער אויסגעשריי)

לעווין: (שטעלט זיך אויף)

יאקוב: (פרעהליך) פאַפּאַ... מאַמאַ.

רחל: (שטעהט אויף)

לעווין: (געהט צו צו דער טיר)

יאקוב: (בעווייזט זיך אויף דער שוועל. ער וויינט און לאַכט. דערזעהענדיג דעם פאָטער, פאַלט ער איהם אויפ'ן האַלז) פאַפּאַ... פון דער היים... דינה... דינה...

רחל: (געהט צו איהם צו. ער נעמט זי אַרום)

יאקוב: מאַמאַ... דינה... דינה... דינה האָט געבוירען אַ יונגעל... (פויזע)

לעווין: (געהט צו צו יאַקוב'ן, בויגט איין דעם קאָפּ, קושט איהם שווייגענדיג, לעגט אַ האַנד אויף זיין קאָפּ, און שעפּטשעט עפּעס מיט די ליפּען, געהט צו צו דער אַלטער, קושט זי אין די ליפּען און דערנאָך אין ביידע באַקען)

יאקוב: (נעמט אַרום הונאַ'ן און מייערן)

הונא און מייער: (געהען צו צו די לעווינס און גראַטולירען זיי)

יאקוב: (צו זיך) זיבען מיט אַ האַלב פונט... (אַלע לאַכען. ער נעמט די עלטערן פאַר דער האַנד) זיבען מיט אַ האַלב... אַ קליין, דיק באַנקירל... (אַלע לאַכען הויך. די טיר עפענט

זיך שטיל און אויף דער שוועל בעוויזט זיך אסתר. לעווין בעמערקט זי דער ערשטער און הערט אויף צו לאכען. די איבריגע, אויסער יאקוב'ן, וואס לאכט ווייטער, דרעהען זיך צו איהר אום, און בלייבען שטיל. יאקוב בעמערקט זי דער לעצטער און הערט אויך אויף צו לאכען. פויזע)

6=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, אסתר.

אסתר: (שטיל) א גוטען אוועגד...

הוגא: גוטען אווענד...

רחל: גוטען אווענד... (פויזע)

אסתר: (געהט פאמעליך צו צו דער סאפע, און זעצט זיך, קומענ־דיג מיט שרעק אין חלל)

רחל: (גיט א וואונק, אז אלע זאלען ארויסגעהן)

יאקוב: א גוטע נאכט...

הוגא: איך געה מיט דיר...

רחל: א גוטע נאכט, קינדער... גיב אב א גרוס דינה'ן.

יאקוב און הוגא: (געהען ארויס)

לעווין: (בעגלייט זיי)

מייער: (נעמט נישט אראב א אויג פון אסתר'ן)

לעווין: (שטעלט זיך אין דער טיר) מייער, איהר געהט אייך אהיים?

מייער: (ברומט אונטער) יא... הערר לעווין... (פערנייגט זיך) א גוטע נאכט... (אב, בעגלייט דורך לעווינ'ן)

7=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, (אהן) לעווין, יאקוב, הוגא און מייער.

רחל: (ווארט צו ביז די איינגאנג=טיר ווערט פערמאכט, דערנאך געהט זי צו צו אסתר'ן, זעצט זיך און נעמט זי אן פאר'ן

האַנד)

אסתר: (וואָס איז געווען אומבעוועגליך, פאַלט, אַ בלייפענדיגע, איהר אויף'ן ברוסט) מאַמא...

רחל: נו... נו...

אסתר: מאַמא...

רחל: יאָ... יאָ...

אסתר: אַך, מאַמא...

רחל: נו... אסתר... טייערע... (פּויזע)

אסתר. (הערט אויף וויינען)

רחל: (ווישט איהר אויס די אויגען מיט אַ ניי טיכעל)

אסתר: איך פערשטעה גאָרנישט. אַז כ'בין פריהער דאָרט אריינגעקומען, האָב איך זיך געדאַרפט דיר וואַרפען אויף'ן האַלז, בעטען ענטשולדיגונג און צוזאַמען מיט דיר אַ וויינ־געהן. איך האָב אָבער געפיהלט, אַז כ'האָב שלעכט געטהון, כ'האָב זיך געשעהמט... נאָר צוליב עפּעס אַ עקשנות האָב איך נישט געקאָנט...

רחל: כ'פערשטעה... כ'פערשטעה..

אסתר: איך בין געווען אַזוי גליקליך. איך האָב איהם אַזוי געליבט. איך האָב וועגען עפּעס אַנדערש גאָרנישט געטראַכט, דעריבער, מאַמא, האָב איך אַזוי געטהון...

רחל: יאָ... יאָ... דערפאַר האָסטו אַזוי געטהון..

אסתר: איך האָב איהם אַזוי שטאַרק געגלויבט... דעריבער, מאַמא, האָב איך אַזוי געטהון... ער האָט מיך אָבער נישט פערשטאַנען. איך האָב איינגעווילינגט, ווייל ער האָט עס מיך געבעטען, און אויסער איהם האָט פאַר מיר קיין זאַך נישט עקזיסטירט. אָבער עס איז נישט אַזוי, מאַמא. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט אַליין פערשטעהן, ער האָט אָבער נישט פערשטאַנען, נישט פערשטאַנען...

8-טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, לעווין (קומט אריין)

אסתר: (הויבט אויף דעם קאָפּ)

לעווין: (געהט רוהיג צו צום שלאָפצימער)

רחל: אדאָלף...

לעווין: וואָס?

רחל: (ווינקט צו איהם)

לעווין: דאַרפסט מיך עפּעס האָבען?

רחל: קום אהער. (שטעלט זיך אויף, און מאַכט א פּלאַץ פאַר'ן מאַן.)

לעווין: (זעצט זיך)

אסתר: (בויגט זיך איין, און קושט איהם די האַנד) זײַ מיר מוחל... (שווייגען) ווען איהר זענט אַוועק, האָב איך זיי אַלץ געזאָגט, איך האָב געמיינט, אַז מיר קאָנען ליבען איינער דעם אַנדערן... אָבער פון געשפּרעך האָב איך איינגעזעהן, אַז צווישען מיר און זיי איז עפּעס... כ'קאָן נישט... כ'וויל נישט... איך האָב צוגעזאָגט דאָס, וואס כ'קאָן נישט טון... צוליב דיר, פּאַפּא... צוליב דיר, מאַמא... און ענדליך צוליב זיך אַליין. איך האָב זיי דאס געזאָגט.

לעווין: איהם אויך?

אסתר: יאָ.

לעווין: (שטעלט זיך אויף, לאַבענדיג, און מאַכט עטליכע שריט)

רחל: נו, וואס איז ווײַטער געווען?

אסתר: איך בין אַוועק.

לעווין: אַוועק, און זיי?

אסתר: ווייס איך נישט.

לעווין: וואס האָט דײַן חתן געזאָגט?

אסתר: (פאַלט כליפּענדיג אויף דער מוטער'ס ברוסט)

לעווין: זאָל אַלץ... געענדיגט?

רחל: (גיט איהם א צייכען, אַז ער זאָל שווייגען) נו... נו...

אסתר: מאַמא... מאַמא...

רחל: נו... נו... מײַן קינד... יאָ... יאָ... וואָס זאָל מען טון? דאָס וואָס ס'איז דאָרט געשעהען, האָבען מיר, איך און דער פּאַפּא, שוין פערגעסען. (צום מאַן) נישט

אמת?

פ ע ו ו י ן : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ)

א ס ת ר : (וויינט שטאַרקער)

ר ח ל : ניין, מיין הארץ, דו ביזט נישט שולדיג... דאס וואָס ס'האָט היינט פּאַסירט, האָט שוין געטראָפען הונדערטער מאָל. ווער ס'איז אין דעם שולדיג, ווייס איך נישט, נאָר אַזוי איז עס און ווארשיינליך וועט עס אַזוי שוין בלייבען.

(מ'קלינגט, זיי הערען זיך איין. מ'קלינגט נאָך אמאָל.)

פ ע ו ו י ן : (געהט אַרויס אין קאָרידאָר, אויפלאָזענדיג די טיר. ס'הערט זיך י ע ר מ ע נ'ס שטימע)

א ס ת ר : (שטעהט שנעל אויף און גרייט זיך צו געהן אין שלאָף-צימער).

ר ח ל : (שטעלט זיך אויך אויף אין דער זעלבער צייט) אסתר... דו וועסט דאָ בלייבען.

א ס ת ר : (שטעלט זיך אָב ביים טיש)

י ע ר מ ע ן : (קומט אַריין אין הוט און פּאַלטאָ.)

פ ע ו ו י ן : (נאָך איהם)

9=טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, יערמען.

י ע ר מ ע ן : גוטען אָוונד... (געהט צו צו דער אַלטער, לעווין געהט איהם פּאַמעליך נאָך) גוטען אָוונד... איהר וועט מיר ענטשולדיגען... נאָר כ'האָב נישט געקאָנט... איך האָב געדאַרפט נאָך היינט... ענטשולדיגט.

פ ע ו ו י ן : ביטע... איהר וועט אפשר זיצען?

י ע ר מ ע ן : כ'דאַנק.

ל ע ו ו י ן : גוט, זייט אַזוי גוט, אייער הוט.

י ע ר מ ע ן : אַדאַנק. (פויזע. ער זעצט זיך אויף אַ שטול)

ל ע ו ו י ן : (לעגט איהם אָב דעם הוט אויף אַ בענקעל פון מיטען, זעצט זיך אויף דער סאָפע נעבען דער אַלטער)

א ס ת ר : (שטעהט, אַנלעהנענדיג זיך אויפ'ן מיטען טיש, קוקט פאר

זיך)

יערמען: מיר איז געווען אזוי שווער... נאר איהר, קאן זיין...
(לאזט אראב דעם קאפ)

לעווין און רחל: (רוקען זיך צו איינער צום אנדערן)

אסתר: (בלייבט אונבעוועגליך)

(פויזע)

יערמען: (הויבט אויף דעם קאפ און ווענדעט זיך צו איהר) איך ליב דיך, אסתר... דעריבער בין איך געקומען. דאס וואס ס'איז היינט פארגעקומען, טאר שוין מעהר קיינמאל נישט געשעהן, אויצט ערשט האב איך עס פערשטאנען. היינט האב איך ערשט דערפיהלט און פערשטאנען דאס וואס כ'האב פריהער נישט געוואוסט. ס'קאן זיין, אז דאס איז דאס שענסטע אין דיר, דאס וועט מיר העלפען אין לעבען, אויב מיר וועלען זיך ווייטער צוזאמענגעהן איינער מיט'ן אנדערן. (קורצע פויזע)

לעווין און רחל: (קוקען אויף אסתר'ן)

אסתר: (שווייגט)

יערמען: (ווענדעט זיך צו די אלטע) איך האב ליב אסתר'ן, איך האב זי נאך שטארקער ליב, ווייל זי איז א יודיש קינד. ווען זי איז דא אהערגעגאנגען צו אייך, האב איך זי ליבער בעקומען. איך האב דערפיהלט אזעלכע פאר־וואורפען, וועלכע כ'וועל שוין קיינמאל נישט פערגעסען.

(פויזע)

לעווין: (שטעהט אויף, געהט צו צו אסתר'ן, נעמט זי אן פאר דער האנד, פיהרט זי צו צו יערמען'ן, און שטעלט זיך נעבען טיש).

יערמען: אסתר...

אסתר: (לעגט איהר קאפ אויף זיין אקסעל. פויזע)

יערמען: איך וויל ביי דיר גארנישט צונעמען, דאס וואס געהער דיר, זאל בלייבען דיינס. דאס וואס דו האסט ביז היינט ליב געהאט, ליב אויך ווייטער. דאס וועט פאר מיר זיין הייליג, איך שווער עס דיר. מיר וועלען זיך העלפען איינער דעם אנדערן, וויפיל מ'וועט נאר קאנען... זאגסט מיר עס צו, אסתר?

אסתר: (שאָקעלט מיטן קאָפּ)

יערמען: ס'איז היינט אזאַ שעהנע נאַכט, פּונקט אַ פריהלינגס־נאַכט... (צו די לעווינ'ס) אסתר קאָן מיט מיר געהן?

אסתר: (הויבט אויף דעם קאָפּ, און קוקט אויף איהם. בעמערקענדיג דעם פאָטער, געהט זי צו איהם צו, קושט איהם און געהט שנעל ארויס אין קאָרידאָר.)

יערמען: (ווענדעט זיך צו לעווינ'ן, און דריקט איהם די האַנד) איך בין אייך פיל שולדיג...

לעווין: וואָס?

יערמען: דאָס קאָן איך נישט ערקלערען... נאָר איך פיהל, אַז מיר זענען זיך איצט נענטער געוואָרען, דערפאַר ווייל איהר און אלע אייערע האָבען מיך אויסגעלערנט פיל זאַכען, וועלכע כ'האָב פריהער נישט געוואוסט.

לעווין: וואָס האָב איך אייך אויסגעלערנט? וואָס האָבען מיר אייך געקאָנט אויסלערנען, העלפען איינער דעם אנדערן, דאָס איהר האָט אליין געזאָגט... וואָס נאָך?

אסתר: (אָנגעטהון, אין טיר) אַ גוטע נאַכט...

יערמען: אַ גוטע נאַכט. (אָב)

10־טער אויפטריט.

די פריהערדיגע, (אָהן) אסתר און יערמען

לעווין: (בעגלייט זיי ביז צו דער טיר, און פערשליסט זי) יאָ, רחל...

רחל: יאָ, אַדאָלף...

לעווין: וואָס זאָגסט דו?

רחל: וואָס זאָל איך זאָגען? (זעצט זיך צו איהר אַרבייט)

לעווין: (שטעהט פערטראַכט) רחל, איך האָב גערנען וואו געלעזען, אַז ווען די מענשען וואָלטען צווישען זיך מיט ליבע צוטיילט די יסורים פון לעבען, וואָלט מען ווי ס'איז דורכגעקומען. לאָמיר האָפען, אַז ס'וועט אמאָל אזוי זיין. (געהט צו צו דער עלעקטריע) איך פערלעש.

רחל: יאָ, שוין צייט.

לעווין: (פערלעשט)

רחל; (געהט צו צום טישעל)

לעווין: דו געהסט אויך?

רחל: (זעצענדיג זיך אויף א שטול) נײן, איך וועל צוווארטען ביז אסתר וועט קומען.

לעווין: א גוטע נאַכט, רחל..

רחל: א גוטע נאַכט, אַדאָלף...

לעווין: (אָב אין שלאָפצימער)

רחל: (הויבט אויף דעם קאָפּ, פּראָבלאָזענדיג די אַרבייט) נאַטעניג מ׳איז אוועק מײַן קינדס גליק..

פאָרהאַנג.

הענרי נאטאנסאן
הינטער מוירען
פיעסע אין 4 אקטען
פ
ש

הויפּט-פֿערקויף

— T-wo —	פאַרלאַגס-געז.-
Wydawnicze —	„צענטראַל“
„CENTRAL“	
Warszawa, —	— וואַרשא —
- Nowolipki 7.	נאָוואָליפּקי 7.